STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05340

BLETER FUN MAYN GORTN

B. Daymondshteyn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

FOREIGN DEPT

ב. דיימאָנדשטיין

בלעטער פון מיין גאָרטן

לידער־זאַמלונג

1908 — 1951

איך האָב בלומען,
גראָז און בלעטער
צוזאַמענגענומען;
אין האַרבסטיקן שפעטער
אין אַ הורבע געמאַכט.
פון מיין פרילינג און זומער
און האַרבסטיקן קומער
צום לייענער אַ מתנה געבראַכט.

Y 892.51 D582

פאַרלאַג:
„ליטעראַרישע העפטן"
טאָהאָנגאַ, קאַליפאָרניע
1951

MAY 18 1953

BLETER FUN MEIN GORTN

LEAVES FROM MY GARDEN

☆

געווידמעט מיינע קינדער

☆

Copyright by
B. DIMONDSTEIN
10143 Montair Ave.
Tujunga, Calif.
1951

★

ATLAS TYPESETTING CO.
221 San Fernando Bldg.
Los Angeles (13) Calif.

במקום הקדמה

אין דעם לידער־בוך האָב איך בדרך כלל ניט געקליבן, אַז איך זאָל כראָנאָלאָגיש זיי קענען אויסשטעלן, ווי מען איז זיך נוהג. איך האָב געדאַרפט אַריינגעמען מיינע ערשטע שאַפונגען, דאָס הייסט מיינע קינדהייט־לידער. הגם איך האָב אַריינגענומען עטלעכע פון 1908־10־11. איך האָב לכל הפחות געדאַרפט אַריינגעמען אַ פאָר צענדליק לידער פון מיינע ערשטע ביכער לידער, 1911־14, וואָס אין זיי זיינען אַריין לידער פון מיין קינדהייט, 9־10 יאָר אַלט, און מיר דוכט, זיי זיינען גאַנץ רייף — רייפע אַפילו פאַר איצטיקער תקופה — אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער. נאָר אַזוי ווי איך קלייב זיך אַרויסצוגעבן 10 ביכער לידער, אין דעם זעלבן פאָרמאַט, ווי דאָס בוך וואָס איר האַלט אין האַנט, וועלן זיי מסתמא אַריין אין אַ באַזונדער בוך: „לידער פון מיין קינדהייט"; „לידער פון מיין יוגנט"; און אַזו"ו, למשל: פאַבלען, קינדער־לידער, פאָלקס־לידער, אַרבעטער־לידער, אַ בוך סאָנעטן, לידער פאָרטרעטן, און נאָך און נאָך.

איך האָב באַשלאָסן אַרויסצוגעבן מיינע שאַפונגען ספאָנטאַן, אין געאייל. איז, זינט איך האָב זיך צונהזיקט אין ניו־יאָרק, אויף מיין רייזע איבער דער וועלט, בין איך שוין ניט דערזעלבער בן־אָדם וואָס איך בין געווען. איך האָב געקראָגן דאַן אַ ציטער, אָדער ווי מען רופט עס אין ענגליש: אַ „שאַק". מיין רוקן איז געבליבן צעבויגן; פון איין זייט נאָז האַלט אין בלוטן כמעט אַ טאָג איבער אַ טאָג, און אַנדערע פעלערן האָבן זיך אַנטוויקלט. הגם אין אויסקוק בין איך אַ בן־אָדם, בין איך אָבער ווי יענער שיינער עפל וואָס איז אינעווייניק צעפוילט. ווי עס שיינט מיר, האָב איך מורא, אַז איך וועל ניט שטאַרבן אין בעט, הגם כ'האָב וויטאַליטעט, מיט ווילן, מיט איינבילדונג בייצושטיין—מער ווי מיט דאָקטוירים, מעדיצינען, רפואות. איך האָב אין מיין לעבן שוין פילע מאָל „אָפגענאַרט" דעם טויט און דעם דאָקטאָר, און אפשר וועט מיר דאָס מאָל אויך געלונגען ? פאַר דער גרעסטער חולאת, וואָס איך האָב מורא געהאַט: „קענסער"—האָב איך ניט !

דערפאַר אייל איך זיך אַרויסצוגעבן מיינע שאַפונגען. ווייל איך זע ווי מען דאַנקט מיר אָפ פאַר מיינע אויפטואונגען—פאַר מיין זשורנאַל: „ליטעראַרישע העפטן"—אייפערזוכט, קאָנקורענץ ! די אַגיטאַציע קעגן מיר פון מיינע ערשטע מיטרעדאַקטאָרן און אַנדערע שוואַרציאָרן. דאָס יאָר וועל איך אַרויסגעבן 10 ביכער און אויב ס'וועט מיין כוח טראָגן און איך וועל איבערקוקן מיינע אָנגעקליבענע שאַפונגען, וואָס איך פלעג אָנוואַרפן, זייענדיק פאַרנומען אין מיין געשעפט—פאַר גאַנצע פינף־און־צוואַנציק יאָר, אַלס האָלסייל בוך־הענדלער, וואָס איך אַליין האָב געאַרבעט דורך די מלחמה־יאָרן פון דריי אַזייגער פאַרטאָג ביז 10 ביינאַכט—פאַר 8־10 מענטשן פלעג איך אַרבעטן! מיט מיין אייגענעם „סטעכאַנאָוו" סיסטעם. דאָך פלעג איך אָנוואַרפן דאָ און דאָרטן אויף אַ שטיקל פאַפיר, ווען די „מוזע" פלעגט זיך צורוקן צו מיר. און אַזוי האָט זיך אָנגעקליבן. און איצט קלייב איך עס צוזאַמען און ברענג זיי אין אָרדענונג.

איך זוך וואָס לייכטער מאַכן מיינע לידער—פאָעזיע מיט פראָזע—ניט נאָר פאַר דעם פיינשמעקער, נאָר פאַרן פאָלקס־מענטש! איך זוך ניט די תביעה פון די פיינשמעקער—פון יחיד—נאָר פון כלל־מענטש: מער דעם פשוטן ! אויב ס'פאַלט אַריין דורך אַ צופאַל אַ פאַרדיינקטע ליד, וואָס איך האָב אין איר ניט געקענט אַריינוועבן על־אם־הדרך, בעט איך פאַרגעבונג פונם פאָלקס־מענטש.

אויך וויל איך צוביסלעך ברענגען מיין הויז אין אָרדענונג, ווייל איך ווייס ניט וואָס דער מאָרגן קאָן ברענגען. וועל איך אין יעדן בוך מאַכן קליינע צוואות ! די ערשטע איז:—

אויב עפעס חלילה טרעפט מיט מיר פלוצים—וויל איך, אַז מיין ביבליאָטעק און מיין זאַמלונג פון קונסט־בילדער, סקולפטורן, זעלטענע ביכער און אַנדערע טייערע חפצים, זאָלן גלייך אַריבער אין רשות פון מדינת ישראל. דער ישראל־קאָנסול האָט די פולע רעכט פאַר מדינת ישראל צו ירשענען און זיי אַריבערשיקן אין ארץ־ישראל. איך האָב קאַטאַלאָגירט די ווערטפולסטע זאַכן.

מיט דרך־ארץ צום כלל ישראל,

ב. דיימאָנדשטיין

יוני 16טן, 1951 — טאָהאָנגאַ, קאַליפאָרניע.

יוגנט-בילדער פון ב. דיימאָנדשטיין



דאָס בילד איז גענומען געוואָרן אין 1916, 24 יאָר אַלט, ווען דיימאָנדשטיין האָט רעדאַקטירט „דאָס פרייע וואָרט", דעם זשורנאַל זעט מען דאָ אונטן.
אויבן רעכטס: 1909 (17 יאָר אַלט); לינקס: 1910 (18 יאָר אַלט).

בלעטער פון מיין גאָרטן

באַפרייען דאָס גליק צו מיין וועג

ווער האַלט עס מיך אָפּעט פון זוניקער זייט
און שטויסט מיך אין שאָטן דעם קאַלטן ?
איך זע פון מיין קינדהייט, וואָס איז אַזוי ווייט —
און ס'ציט זיך אַזוי ביז איצטיקער צייט —
ווער טוט מיין גליק מיר פאַרהאַלטן ?

מיר דוכט, אַז מיר וואַקסן אויס פליגלען
און פליען אַזוי וויל איך פריי;
אַזוי ווי אויפן ים פלאַטערן זעגלען—
אַזוי טיף אין מיין בוזעם זיך וויגלען—
טענער באַשאַפענע — ניי !

טענער וואָס ריידן ווי ווערטער,
און ווערטער, וואָס גיבן מיר מוט :
עס טראָגט מיך אַוועק אין די ערטער—
פון קינדערשער בענקשאַפט, געגערטער—
וואו איך האָב מיט מיין חלום גערוט.

טעג פון פאַרגאַנגענע־ נעכטן :
נעכט פון אומרו און שרעק.
אין מיין וועג־גאַנג טרעף איך דעם שלעכטן —
איך וועל זיך אַמאָל נאָך צופעכטן —
באַפרייען דעם גליק, צו מיין וועג !..

1910

מיין זון

מיין אויג אויף דיר, זון מיינער — דו שלאַנקער, דו הויכער,
דו טראָגסט אין די בליקן אַ האַרטקייט, אַ בלייכער.

זעכציק־פיר מאָל האָסטו די הימלען געשניטן,
דו האָסט מיטן פייַנט זיך מיט קוילן געביטן.

ס'האָט דיך דער מזל געפּאַנצערט פון פייער,
האָב געבעטן צום הימל, זאָלסט קומען אַ פרייער...

געוואוסט יעדן מאָל האָב, ווען דו דאַרפסט גיין פליען
און אין מיר פלעגט די שרעק ביז וואַנזין זיך ציען.

אין אַרבעט, אין שווערער, מיין טראַכטן פאַרטרייבן,
ווען ס'האָט זיך פאַרשפּעטיקט דיין בריוול, דיין שרייבן:

איז דער טאָג ווי אין וואָלקנס, געווען איינגעטונקען...
און געפלאַמט האָט דער מוח, ווי סם וואָלט געטרונקען.

געניישטערט די בלעטער, געאויערט די ראַדיאָס:
רבונו של עולם, מיין מוט זיי מחדש.

ווען ס'ווייזט זיך דער פּאָסטמאַן, די קניען זיך בויגן,
די האַרץ הויבט אָן טאַנצן, מיט טוי אין די אויגן.

די הענט ווי פאַרפראָרן, דעם בריוו קוים זיי האַלטן:
איך לייען, אַ פרייד דורך די ביינער זיך שפּאַלטן.

אין האַלדז ווערגן טרערן, די אויגן מיט קוואַלן: —
מיין העלד וועט באַלד קומען מיט זיבן מעדאַלן!...

באַשערט, אַז מיין זון זאָל, זאָל העלפן פאַרניכטן
דעם המן, דעם גרעסטן, וואָס אין געשיכטן.

געוועזן פיל המנס, זיי קומען, זיי גייען;
מיין העלד וועט באַלד קומען, איך לייען און לייען!...

מיין איינִיקל

אַניטאַ, קוקנדיק אויף איר בילד, 3 חדשים אַלט

ליגסט ווי אַ בלימעלע אין גראָז,
אין אַ ווייסן־בעט דיין גופּעלע,
דיין שמייכעלע, צעבליטע ראָז —
פלאַפּלסט אויס אַ רופעלע...

און בורקעסט ווי אַ טייבעלע
און קוקסט שוין ווען מען רופט.
דיינע אויגן, ווי זון אין שייבעלע —
מיט דיר איז פול די לופט...

ווען רופסטו מיט דיין פּלאַפּעלע?
צי רופסטו שוין דיין מאַמען?
ס'זוכט דיין הענטעלע — אַ כאַפּעלע —
כאַפּסט וואָס, האַלסטו, ווי אין קלאַמען.

דו קליינע קלאָרע טייבעלע,
דו ברענגסט די פרייד אין הויז;
פון בוים דאָס ערשטע צווייגעלע —
די ערשטע פרילינג־רויז!...

אַ תּפילה

איך פאַרלאַנג ניט זאָלסט מיר געבן, גאָט,
איבערנאַטירלעכע וואונדער־וועלטן שאַפן;
איך וויל נאָר מיין גאַנג זאָל האָבן אַ פעסטן טראָט —
און מיין ציל זאָל זעגלען צו מיין האַפן.

איך וויל ניט אין די הויכקייטן דערציען,
איך וויל אין דיינע פענצטער ניט פאַרקוקן;
וויל קיין מלאך זיין, מיט פליגלען פליען: —
אַפילו אויבן־אָן — האָב פיינט זיך רוקן!..

נאָר גיב מיר כּוח, פאַר פּשוט־ווערטער פלעכטן,
וואָס זאָל מיט וויזיע און מיט פּאַטאָס קלינגען;
אַז מיין וואָרט זאָל גוטמאַכן דעם שלעכטן;
אַז מיין וואָרט זאָל כּוח האָבן — צווינגען...

איך זוך ניט קיין רייכטום, זוך ניט קיין כּבוד,
מיין האַרץ גאַרט, זוכט, דאָס צאַרטע שיינקייט;
ווערטער אַזוינע, ווי ס'האָט געזונגען דוד —
ניט ווי יענע אין זייער גרויסקייט, דערקענסט זייער קליינקייט!...

צו מאָדעלירן האָט אין מיר דערוואַכט

האָט געטליעט ווי זוימען, אונטערווינטערדיקן שניי,
און שטיל האָט וואָרצלענדיק געגראָבן טיף און ברייט —
און פלוצלונג שפּרודלדיק, סטיכיש אָט אַזוי:
אַ שטילער שטורעם שושקענדיק פאַר מיר האָט דורכגעווייט...

דער אָסיען האָט זיין צייכן אויף מיין שטערן שוין געלייגט
און ס'גייט צו ווינטער, קורצע שעה'ען, טעג...
זיצנדיק פאַרטראַכטערהייט, מיין פינגער האָב געזויגט;
האָב איך דערפילט אַ ניי־געדאַנק, אַ נייעם, נייעם וועג.

ווי סטרונעס בעטן זיך צום פידל־צאַם,
האָבן מיינע פינגער אויסגעקנאָטן וואָס געהיים...
און ווי אַ שטאַרקער ריטם מאַכט שוין דאָס ליד אין גראַם,
האָבן פינגער מיינע געצויגן זיך צום ליים;

און ווי אַ ליד איז געשטאַנען פאַר מיר אַ געשטאַלט,
מיט אויגן גרויסע דאָס וואונדער האָב באַטראַכט;
און ווי אַ פריידיק עכאָ אין אַ שטילן וואַלד—
צו מאָדעלירן האָט אין מיר דערוואַכט!..

זינגען מיינע פינגער איצט אויף שטיין און ליים,
מיין קוק איז שאַרף, די פינגער בויגן זיך ווי פיס צום טאַנץ;
ווי אַ פאָטאָגראַף — איך גלויב אַליין זיך קוים —
איר וואונדער ווערק, איר שטייט פאַר מיר אין זונענגלאַנץ.

און ווי אין מיין ליד, געווען איז שאַרף דאָס וואָרט
אַקעגן אומרעכט, קעגן צוואַנג און קנוט;
פאַרנעמען וועט איר מיינע סקולפּטורן דעם אָרט —
צו וועקן דעם פאַרשקלאַפטן, געבן מוט...

און וואו אַ פירער, ערלעך, וואו פאַראַן, געווען —
האָב אויסגעקנעט אים, אויסגעהאַקט פון שטיין;
שלום! גיב איך יעדן העלד מיין ווי אַ באַקאַנטן וואָלט דערזען—
און פילע מאָל פאַר פרייד פון אויג, עס פאַלט אַ פּערל־שטיין...

אַ טרוים

(געדרוקט אין מיין ערשטן בוך לידער, 1911)

עס שיינט די לבנה אין הימל,
מיט טויזנטער שטערן אַרום;
די וועלט ליגט פאַרזונקען אין דרימל,
פאַר'יתום'ט, עלנט און שטום.

און איך זיץ פאַרטראַכט און פאַרביטערט
און האַלט מיר די פעדער אין האַנט;
עס קלאַפּט מיר די האַרץ און זי ציטערט,
מיר דוכט איך פאַרליר מיין פאַרשטאַנד.

2.

און גלייך ווי פון הימל אַ שטימע דערהער איך:
עלנטער טרוימער, ווי לאַנג וועסטו דענקען;
ווי לאַנג וועסטו שלייפן פון טרערן דימאַנטן?
ווען, זאָג, דענקסטו די פרוכט די אַ שענקען?

איך בין ווי פאַרגליווערט מיר זיצן געבליבן,
איך האָב ניט געוואוסט, וואָס דאָ טוט זיך מיט מיר.
אָ, זאָג מיר, דו שטימע, פון וואַנען, זאָג, קומסטו?
און ווער בינסטו? און וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר?

איך בין דאָס דער מלאך פון ליבע און פרייהייט;
איך טראָג אויף מיין פליגל אַצינד פיל פאַרשטאַנד;
איך האָב פון הימלען דערזען דאָדערט אונטן —
די קונסט־אַרבעט, וואָס עס באַשאַפט דיין טאַלאַנט!...

3.

נאָר הער זיך איינעט, טרוימער יונגער,
וואָס איך וויל פון דיר פאַרלאַנגען:
אויף מיין פליגל טראָג איך איצטער,
הימל־ריינע, שענסטע קלאַנגען.

און פון אויבן זאָלן גלאָקן
וועקן, שרייען, רופן, קלינגען;
ליבע, פרייהייט זאָל איך הערן
פון די גלאָקן קלאַנגען זינגען.

און דאָס שענקען וויל איך דיר זיי
און איך טו זיי דיר פאַרטרויען;
נאָר אַ טעמפּל, וויל איך, זאָלסטו
אויף דער וועלט אַ הויכן בויען!...

אויב דו וועסט מיר נאָר פאַרשפּרעכן
גיב איך דיר אַוועק מיין פליגל;
דאַן צום וואָלקן מעגסטו פליען—
אויף דיין נאָמען מיט מיין זיגל...

4.

ווי קען איך וואַגן דיר ענטזאַגן,
ווען דאָס איז מיין אידעאַל:
איך זוך פון לאַנג, אַ הימל־קלאַנג
פון דער ליבער נאַכטיגאַל!...

וואָס קען בעסער זיין נאָך גרעסער,
ווי דיין הימל־שיינער קלאַנג;
עס וועט זינגען און צוקלינגען —
פרייהייט, ליבע, מיין געזאַנג.

איך שווער טרייהייט, אַז נאָר פרייהייט
וועל איך שפרייטן איבעראַל;
דיך, מיין גלויבן, וועל איך הויבן —
פאַר מיין העכסטן אידעאַל...

5.

און גלייך דערהערט האָב איך אַ פּאַטש ווי פון אַ פליגל
און ווי אַ בליץ האָט מיר געטאָן אין מיינע אויגן,
און מיין קערפּער האָט באַוועגט זיך פריי און לייכטלעך —
מיט שטראַלן מילדע האָט די זון מיך גלייך באַצויגן...

און אַ שטימע האָט מיר ווידער אָפּגעקלונגען: —
די נאַכט איז שוין אַוועק, דער טאָג איז אָנגעקומען...
געדענק! היט די ווערטער דיינע, טרוימער יונגער —
איך בענטש דיין וועג דיר, איצט, זאָל תמיד זיין מיט בלומען!...

6.

און גלייך איז דער טאָג אָנגעקומען,
דער הימל געוואָרן איז קלאָר בלאָ און ריין;
פון מזרח זייט האָט זיך גענומען
מיט גאָלדענע שטראַלן די זון אַרויסגיין...

1908

פון יענע יאָרן

מיין היימיש געסעלע, מיין היימישער הויף,
פאַר די אויגן, מיין קינדהייט, ווי אַ חלום גייט אויף.
דער טאַטע אין גאָרטן, צעאַקערט די ערד,
אָט דוכט מיר זיין שטימע, ווי איך וואָלט געהערט.

אָט גראָבט ער די בייטן און באַמיסטיקט מיט הנאָי;
אָט שטייט אונדזער שכן, סטעפּאַנקע דער גוי.
מיט אים שמועסט דער טאַטע און גראָבט נאָך אַ בייט,
פון שוויס אויסגעמאַטערט, זיין פּנים איז רויט.

סטעפּאַנקע, ער פינגערט, ווייזט אַן, דאָ און דאָ;
דער טאַטע, ער איילט זיך, עס לויפט שעה נאָך שעה.
אין שטוב וואַרטן מאַנטלען, קאָסטיומען אויף דאָרט,
מען מוז גאָרטן צוגראָבן, זיך יאָגט אַן אַ וואָרט.

די ציג דרייט זיך אומעט, אַזוי איבער הויף,
דער כלב צעבילט זיך און יאָגט זיך און לויפט.
אַ קוואָקע זיך ריעט מיט הינדעלעך צוועלף,
געפינט זי אַ ברעקל, צעשפּאַלט זי אויף העלפט.

קוקו, קוקו: צערעדט זיך און רופט
און די בוימער צעבליטע, פאַרשמעקן די לופט.

2.

דער טאַטע, ער פירט מיך, מיר גייען אין שול.
איך בין נאָך אַ פּיצל, מיך שטעלט אויף אַ שול.
ביים עמוד דער חזן — ליכט פינקלען זיבן —
אַ מיסטישע אימה האָט אין מיר דורכגעטריבן.

אַלס קינד האָט אין מיר, וואָס אומבאַוואוסטעס געוועקט זיך,
פאַר די טליתים אין שול, האָט עפּעס געשרעקט מיך.
אַהיים נאָכ'ן דאַוונען — ביים זייט שטיל געגאַנגען,
עפּעס דער שבת האָט די האַרץ מיין געפאַנגען...

צו דער ריינקייט אין שטוב און דאָס טייערע עסן;
דעם שבת און יום־טוב וועל איך קיינמאָל פאַרגעסן.
עס ליגט אין זכרון, די ליכט און די ריינקייט —
עס נאָגט אַ בענקשאַפט, נאָך יעניקער שיינקייט.

3.

אַוועק איז דער שבת, ס'איז שבת־צו־נאַכט.
דער טאַטע נעמט אַרונטער דעם טישטאָך פון טיש.
דער אינדערוואָכן האָט אין שטוב זיך געלייגט —
אין מיין קליינעם הערצל האָט געגעבן אַ ריס...

צעשפּרייט האָט טאַטע בלאָע געוואַנטן;
געמאָסטן, געצייכנט, מיט שאַרף־ווייסן קרייד.
און איך בין געשטאַנען אויף אַ שטול און באַבליקט אַלץ
און מיט אַ גרויסער שער, שטיקער ער שניידט.

און ווען איך בין געלעגן אין בעט איינגעטוליעט,
מיט אויגן פאַרמאַכטע, נאָר געפילט אַז איך הער;
ווי ס׳וואָלט אַ מויל מיט צוויי שפּיציקע ליפּן —
געכראָמטשעט געוואַנט, ווי מיט ציינער, די שער...

אַזוי האָב איך אַ יעדער זאַך אין מיין קינדהייט באַנומען,
געזוכט דעם יאָדער, דעם וואָרצל, דעם זין;
איך בין שוין קיין קינד מער, נאָר זוכן, איך זוך נאָך—
און עד־היום, וואָס איך וויל — ניט געפין!...

.4

אַך, ווי עס בענקט זיך נאָך די קינדערשע טעג,
אַזוי די האַלוצינאַציע — טראָגט מיך אַוועק.
אָט ווער איך אַ קינד — אין חדר איך קום,
פאַרשעמט, פול מיט יינגלעך, איך שטיי אַזוי שטום.

דער טאַטע פאַר׳מסחר׳ט מיט רבין—שכר־
לימוד, איך שטיי פאַרלאָרן אַזוי ווי אַ נאַר.
איך אויגל אויף אַלעס און ריר ניט פון אָרט —
כאָל׳ט שוין דער טאַטע מיך רופן—אַ וואָרט...

די פיס, ווי אויף קוילן, עס ברענט אין די פיס.
און דאָ אין דער פלוצים, עס גיט זיך אַ ניס!..
איך ווער רויט — אַ פאַרקאָכטער, מיין פנים פאַרשעמט —
אַ צווייטן מאָל ניסן — פאַרהאַלט מיט די הענט.

טאַטע! — איך שריי אויס, פאַרגיי אין געוויין!
ניט שיין — זאָגט דער רבי; ווארום דער געוויין?
ס׳איז פול דאָ מיט קינדער, גיי שפּיל זיך מיט זיי.
כ׳קוק אויפן רבין — אַ צעטומלטער שטיי...

.5

אין חדר, דער גרעסטער שטיפער געוועז,
נאָר דער רבי—ער האָט דאָס ניט געטאָרט וויסן.
דער רבי, אַ קראַנקער, אַ טשעכאָטניק געוועזן —
פאַר יעדער קלייניקייט האָט ער שטיקער געריסן...

אַך, קינדהייט, מיר איז אימער געווען באַשערט,
אין זיך די ביטערקייט איינצוזאַפּן.
דער שיקזאַל האָט אימער זיין צייכן געלייגט —
פאַר יענעמס שולד פלעגט מען אימער מיך קלאַפּן...

געשטראָפט האָט מען מיך מיט די שווערסטע שטראָפן,
ווי איך וואָלט אַ פאַרברעכער געווען.
מיט ווײ פאַר דעם אומרעכט, האָט אין מיר זיך געקליבן—
און זיך צעטליעט, אין פלאַמען, אין ברען!

פאַרן קינד פון אַ רייכן, האָב איך זייער שטראָף
אויף מיין ביינענדן קערפּער געטראָגן.
דערפאַר האָס איך רייכע, און איך פיל עד־הוים —
פאַר זיי האָט דער רבי מיך ביטער געשלאָגן...

6.

איך האָב פאַרמאָסטן זיך אימער צו גרעסערס און העכערס;
מיט ווילן באַלאָדן — צום ציל.
אַלעס צו קאָנען, אַלעס צו וויסן —
מיט אַלעס געגאַנגען אין שפּיל.

אָט ווער איך אַ שוסטער און מאַך מיר אַ שוך אויף;
אָט מאַך איך אַ פידל, וואָס איבערראַשט מיך אַליין;
אָט בין איך אַ קירזשנער און מאַך מיר אַ היטל;
אָט האַק איך אַ מענטש אויס, פון גאַר האַרטן שטיין...

אָט ווילט זיך מיר וועלן—טעאַטער צו שפּילן,
חלום איך אויס מיר אַ דראַמאַטישע זאַך.
דער טרייב־קראַפט אין מיר קאָן אַלץ זיך ניט שטילן—
איך בין נאָך אַ ברעקל, און וויל אַלץ אַ סך!..

אפשר עס האָט אין מיר זיך אַ גילגול פאַרקליבן,
אַ טרייב־קראַפט, וואָס ווייסט ניט, וואָס, ווען;
אַזוי ווי אַ וואַסער דורך פעלזן אַ וועג זוכט —
איך פיל אַז אַ כוח אין מיר זאָגט — איך קען!...

איצט וויל איך — טו איך מיין ווילן.
טראָג איך דעם פלאַם פון קינדהייט אין זיך:
איך פיל, אַז די טרייב־קראַפט וועט אין מיר זיך ניט שטילן—
די טרוימען נאָך בליען, נאָר די יאָרן פאַרשווינדן גאַנץ גיך...

7.

אָן יאָרן בין איך אַלט געוואָרן,
פאַרוועבט ווי אַ גרויסער — טיף אין זיך.
אינגאַנצן נאָך קיין דרייצן יאָרן —
אין קאַמף געוואָרפן זיך גאַנץ גיך.

עס האָט געדעכטיקייט מיך צוגעצויגן,
געשטעלט האָב זיך אין ערשטער ריי.
דערזען די וועלט מיט אָפן קלאָרע אויגן—
געזוכט פאַר אַלמענטש און פאַר זיך אַ לעבן ניי.

עס האָט פון מיר געריסן זיך פון גרונטן,
אַרויף, אַרויף דאָס שפּראָצונג, צו דער פריי.
און לידער צאַפּלענדיקע, ווי קווייטן־בונטן —
די האַנט האָט מיך געצויגן צו שרייבעריי...

וועבט זיך לידער, ווי חלומות אין פרימאָרגן
און אַלע ריזלען זיי, ווי וואַסער צו איין ציל:
באַפרייען זיך פון אייגנשאַפט און פון זאָרגן —
אין אַ וועלט פון רעגנבויגן־פאַרבן־שפּיל...

1908

8.

אומרו האָב אין מיר פון קינדהייט איינגעזויגן,
טראָג איך נאָך עד־היום, די אומרו טיף אין מיר.
עס שוועבט אַרום, אַ חלום פאַר די אויגן —
שלעכטע מענטשן שטיינער לייגט מען ביי מיין טיר...

וועמען האָב איך שלעכטס געטאָן אין לעבן ?
אימער דעם גענידערטן, געשטעלט, געגלייכט.
אימער אין אַ ליידיק האַנט געגעבן —
פון גרויסקייט און פון כבוד נאָר געווייכט...

מען האָט געוואָלט באַנקעטן פאַר מיר מאַכן,
וואָס פילע גרויסע שאַצן דאָס פאַר גרויס:
איך זוך דאָס ניט. איך גלויב ניט אין די זאַכן —
באַשיידנקייט און ערלעכקייט — דאָס וויל איך בלויז...

איך וויל קיין אויבנאָן, איך האָס די שטול פון פאָרנט,
די פוסטקייט פון קעפּ פאַרריסן הויך;
איך קוק אויף זיי — עס ברויזט אין מיר און צאָרנט —
עס עקלט מיך די גרויסקייט, ווי איך האָס דעם טעם פון רויך.

געבליבן איז נאָר אַש

זי איז צאַרט געווען, עלנט, אין גרויסער שטאָט, ניו־יאָרק.
זי האָט פון וויג־אָן אין אַ דערפל אויפגעבליט.
האָט איר שוואַכע מאַמע מיט שפּעטן יאָך זי פאַרזאָרגט:—
פאַר מיין קינד—דיין נאַדאַן, מיין טאָכטער, היט!...

אין פרעמד, אין עלנט, וואו ס׳לויערט נאָר געפאַר,
זאָלסטו זיך ניט בייגן פאַר אַ זיסן בליק:
שקראַבע בריקן — אין הימל האָסטו אויך אַ שר—
ער וועט באַוואַכן דיך, און דערפירן דיך צום גליק.

ניין, ניט מאַמע האָט געחלומט און געטרוימט,
צו גרויס דער נסיון פון דער גרויסער שטאָט:
ליכט און גלאַנץ, מוזיק און טאַנץ, ווי אַ חלום שוימט —
האָט אַ שאַרפע אויג פון אַ מענטשן־שפּין, פאַרשפּינט איר טראָט...

איז זי אין נעץ, ווי אַ שמעטערלינג פון ליכט פאַרבלענדט
און דער וואַמפּיר האָט מיט האָניק־רייד זי צוגעקלעפּט...
און גיך אין פלאַם האָט שפּין זי אויסגעזויגט—פאַרברענט—
געבליבן איז נאָר אַש... ס׳האָט אין אַ דאָרף אַ שמעטערלינג געלעבט...

1910

סאָנעטן

גאָט, אַ רואיקן אָרט מיר באַווייז

דאָס גאַנג פון טאָג איז פאַר מיר ווי די ערד אין איר קרייז,
וואָס דרייט אַרום זיך און אַרום דער גליענדער זון;
פון איין זייט מיט בליאונג, מיט ליכט, פון צווייטן זייט פינצטער און אייז
אַזוי איז מיין זוכן אין אומרו, אין אַלעס דערפון...

די טעג וואָס פאַרגאַנגען אָן פריידן אָן זון און אָן ליכט,
געווען איז מיר שווער צו געפינען דעם פינטל פון פרייד;
און יעדער עס שמייכלט צו דיר מיט אַ פאַלשן געזיכט —
און אימער מיין וועג איז, אין קרומקייט אין שרעק און אין לייד...

צעוואָרפענע אוצרות פון רו און פון גליק, דאָ און דאָרט,
נאָר עמיץ פאַרשטעלט דיר, פאַרבלענדט דיר דעם וועג צו דיין ציל,
עס דרייט זיך די ערד צו דער רגע, ווען זי קומט צום אָרט:
וואָרום איז דער מענטש אַזוי קליין, אַזוי פאַלש אין זיין שפּיל ?...
דער גאַנג פון דעם טאָג איז פאַר מיר ווי די ערד אין איר קרייז,
גאָט, צו אַ וועג, וואָס פירט צו אַ רואיקן־אָרט מיר באַווייז!...

די שעהן פון נעכטן

עס וועט פאַרגעסן ווערן דער שניט פון מיין וויי,
נאָר דער צייכן וועט אייביק בלייבן — סיי ווי סיי; —
דאָס בלוט האָט סם פון האַס, אַריינגעמישט אין זיי,
דאָס קול פון קדשים, וועט מיך דריקן ווי מיט בליי...

דאָס לעבן וועט פאַר מיר מער ניט גיין ווי געווען,
מיין וועג, דער טראָט, וועט קין־צייכן נאָכגיין;
ווען אין ווירבל פון פרייד וועט אויפגיין אין ברען
מיין מאַמע, מיין שוועסטער דער געשריי, דער געוויין...

ניטאָ שוין דער נעכטן, פון הימלען פון בלויע
ווי וואָג וועט עס היינגען, ווי קייטן פון שטראָף;
דער הימל איז ווידער, מיט וואָלקנס מיט גרויע
זיי גאָט מיין באַשיצער איך גלויב דיר און האָף!
די שעהן פון נעכטן, וועט אַ מצבה פאַרבלייבן!
די געשיכטע מיט בלוט, וועט אונדזער אומקום באַשרייבן!...

אין יאָך

ס׳האָט דער שלייער פון נאַכט זיך נאָך ניט אַראָפּגעלאָזן
און האָט נאָך מיין חלום פון די ברעמען ניט אָפּגעפליקט.
האָט שוין דער קאַיאָר, געפעלצט אויף מיר די מי—
און האָט די בייטש פון יאָך, מיט שווערן טראַט, אָפּגעדריקט.

דער ערשטער פייף־שמיץ האָט אין יאָך געשפּאַנט מיך—
איך שלעפּ דעם עול פון צייט אויף מיינע פּלייצעס.
און ווי אַ שטומע חיה אונטער בייטש געבויגן —
גיי איך נאָך, נאָך יעדן, וואָס האַלט די לייצעס...

איך רייס אויף די אויגן מיינע אין פולן ליכט
און זייטיק בליק איך אויף מיין לייצע־האַלטער;
הויפּט אָן אַזש רויטלען פון צאָרן מיין געזיכט
און פיל די שווערע שטיוול פון מיין פאַרוואַלטער...
איז דען אַ וואונדער וואָס סע קאָכט אין מיר רעוואָלט,
אַז פאַר מיין אמת ווערדע, קריג איך ניט באַצאָלט!...

צו אַ פריינט

אליעזר גרינבערגן

ווילסט זיך אָננעמען פאַר דעם סם, וואָס מען גיסט אויף מיר?
ס׳איז ניט כדאַי — צו ענטפערן פאַרלוימדער— פריינט!
דער בעסטער ענטפער איז צו פאַרשליסן צונג אַהינטער ליפּן־טיר;
דער ווי פאַרגיין וועט מאָרגן, וואָס ס׳האָט געריסן היינט...

זאָל די צונג פאַרשטומט ווערן, וואָס האָט געשניטן ווי אַ שווערד
און געריפּעט אין מיין האַרצן טיף.
האָב פון דעם זעלבן פיינט די סמ׳יק רייד, פיל מאָל שוין געהערט.
איך האָב געלייענט זיין סם אין וואָרט און בריף.

דו ווייסט, מיין פריינט, איך האָב יענעם העלפן נאָר געזוכט.
איך האָב פאַר זיך דעם כבוד אַהינטער גאָר פאַרשטעלט;
איך האָב די פאַלשע צינגער ניט געפלוכט —
איך האָב זיי נאָך באַלוינט מיט בלוטיק־געלט...
איך האָב זיי נאָך מיין צווייטע באַק אַקעגן זיי געשטעלט;
נאָר חוצפּה, מיאוסקייט, עד־היום זיי נאָך ניט פעלט!...

איך האָב אין שײנע קלײדער זיך ניט געקלײדט

איך האָב זיך אין שײנע קלײדער ניט געקלײדט,
איך האָב אין שרײבן אויך דאָס פּשוט־וואָרט געזוכט.
איך האָב אַ יעדן באַהאַנדלט שטיל און מיט באַשײד;
איך האָב פילע באַרוועס־ווערטער אויפגעפּוצט—באַשוכט...

איך האָב געפונען פרײד אין יענעמס שמחה־האַרץ,
וואָס האָט זײן שוואַרצן־פײער אויף ווײס פּאַפּיר דערזען;
העל און ליכטיק איז פאַר זײ געוועןאויף ווײס דאָס שוואַרץ —
איצטער פילע קענען צינדן שוואַרצע ליכט — מיט קלאָרן ברען...

פילע ווערן חוצפּהדיקער, טראָגן שטאָך אין וואָרט;
פילע שפּיגלען זיך, מיט בלומען צופיל פאַרב;
נאָר איך שווײג, קוק, מיט קלאָרן אָפּשאַץ — און זײן אָרט —
אַז פוסטקײט־גלאָקן־קלאַנג אָן פרעמדע פינגער—שטאַרבט.

איך האָב מיט פּשוט ביליג שוך מײן פוס באַשוכט;
איך האָב אין שרײבן אויך דאָס פּשוט וואָרט געזוכט.

קאָרן - ברויט

ברויט, פּשוט ברויט — שוואַרץ, ווי ערד.
איך האָב אײך גערן, ווי דאָס זעמל־ברויט.
איר גיט כּוח, ווי דאָס האָבער גיט דעם פערד.
איר גיט דעם פּויער־יאָכמענטש, מוסקלען, באַקן רויט.

איר פאַרמאָגט — גאָטס־געבענטשטע — וויטאַמינען;
איר פאַרמאָגט — פון אלף ביזן תּו:
מען דאַרף קײן „עי" מען דאַרף קײן „בי" געפינען,
אין אײך לעבט דאָס לעבן פון אָנפאַנג ביזן סוף.

איר גיט קרעפטן שטײן און יאָך דעם האַרטן
אונטער זון און רעגן וועטער;
וואָס וואָלט צובראָכן, דעם אײדל־מענטש און צאַרטן —
ווי ווינטער עסט אַראָפּ די בלומען בלעטער.

פּשוט קאָרן־ברויט, מיט זונשטראַלן פאַרזאַפּט;
אין דיר לעבט דאָס רײנע־נאַרונג שטאַרקסטע־קראַפט.

מיין גרעסטער וואונטש

איך האָב אייך ליב, מיינע ערשטע לידער.
איר שמעקט פאַר מיר ווי פרילינג־בלום.
ווען איך לייען זיי דערזע מיך אין זיי ווידער
און לעב איבער מיינע יונגע יאָרן—שטום...

מיינע קאַמפן, מיין ליבע, מיין יוגנט־רויש.
חלומות, טרוימען, וואו זייט איר איצט?
פון גאַנצן פלאַם, האלעוועשקעס בלויז —
טראָג אין מיר איך איינגעקריצט.

ביזן לעצטן טראָט, ביז דער לעצטער שעה,
וועט איר שטיין פאַר מיר, ווי אין מאַי די טעג;
ס'בליט אויף אין מיר, ס'איז לוסט נאָך דאָ—
און גיין, ס'ווילט זיך ווידער גיין אין יענעם זונען־וועג...

מיין גרעסטער וואונטש אין לעבן איז געווען:
אַ גלייכע וועלט, אַ פרייע וועלט צו זען...

איך שטיי אויפן באַרג

איך שטיי אויפן באַרג און באַטראַכט אַלץ אַרום,
ס'איז ליכטיק, ס'איז ציכטיק, די גראָז און די בלום.
ס'דערציילן זיך סודות, די בוימער, אין שטיל,
און ס'שפּילט זיך מיט די בלעטער אַ ווינטעלע קיל.

די לופט און דער ריח קוויקט און באַרוט,
און פריי ציט דער אָטעם און ס'וועקט אַזש אין בלוט...
די זון אַזוי ליכטיק און וואַרעמט און גלעט:
טו אויס זיך, איך וועל דיך באַבראָנזען—זי בעט.

איך וועל דיך מיט קופּער באַפּעסטן דיין לייב
און יעדן מין מורמל באַקלער איך, באַשרייב.
איך רעד איצט, מיר דוכט, מיט דער שטימע פון גאָט
און עפּעס התלהבותדיק, ווי פאַרשטיינט איז מיין טראָט.

פון ערגעץ האָט זיך צעזונגען אַ פויגל אויף אַ בוים
און דאָס האָט דערוואַכט מיך פון חלום פון טרוים...

אָמנם חטאתי

אַל תהי צדיק הרבה: אָמנם חטאתי:
איך האָב געגלויבט אין מענטשן;
איך האָב ברייט די טירן געעפנט פון מיין האַרצן —
האָב מיט ליבע אַיעדן געבענטשן.

יעדע עוולה האָב איך פאַרגעבן,
יעדע בושה אין מיין פנים אָפּגעווינשט;
גאָט, לאָז קיין בייזקייט אין מיר זיך וועבן —
גאָט, אל מלך רחמים דו ביזט.

איך גיי ווי אַ שאָטן, וועל פאַרגיין אין עשו'ס וועגן...
עס ראַנגלט אין מיר זיך יעקב מיט עשו'ן
גאָט, אל מלך רחמים, קום מיר אַקעגן,
קום, פאַרטרייב מיין צווייפל, גיב מיר גלויבן,

איך זאָל כאָטש אָן אַ דינעם פאָדעם זיך קאָנען ראַנגלען
און פון באַטרוג און האַס פון נידער זיך דערהויבן.

אָט אַזוי

שטורעמדיק, ווי כוואַליעס אויפן ים,
וואָס וואַרפן די שיף אַהין, אַהער.
אויף מיין פרייען וועג שטייט אַ כוואַליע־צאַם...
אַזוי איז מיין יעדער וועג, פאַר מיר, פאַרצאַמט און שווער.

ווי אין הערבסט פאַלן בלעטער פון אַ בוים,
פאַלן מיינע האָר פון קאָפּ, נאָך גאָרניט גראָ;
ווי אַ פויגל ווינטערצייט, זיך זוכט אַהיים —
זוך איך אַ רואיק ווינקל — אַ רואיק שעה...

און ווי פאַרלאָרן אין דעם שטורעם,
טוליעט זיך אַ שעפעלע צום וואַנט:
זיץ איך אַליין געבויגן אין יסורים —
אָן אַ זין, זיך פלעכטן פינגער, האַנט־אין־האַנט.

1911

פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט

ביזט געווען אַ ניט־געוויינטלעכער מענטש — אַ פירער, אַ באַפרייער,
אַן אָדלער איבער די העכסטע בערג;
געזען האָריזאָנטן אויף די ווייטסטע ווייטן;
אַ שיינענדער שטערן אין דער שוואַרצער נאַכט
פון וואַנדערן און מידן...

האָסט געטראָגן גליק און האָפנונג,
מיט געגעבן יעדן אונטערדריקטן,
ווי אַ פאָטער ביזט געווען צו קליינע פעלקער,
מיט און האָפנונג פאַר רואיקע מאָרגנס —
אַ ליכט־שטראַל געגעבן אויך פאַר דעם יידן!...

תמיד פאָראויס, פאָראויס, קיינמאָל צוריק
און זעלטן אַ טראָט ניט געראָטן —
מ׳האָט שטיינער געלייגט, אויף דיין טראָט, אויף דיין בריק —
מ׳האָט דיך באַשפיגן און באַשפאָטן
און דו האָסט געגעבן אַמעריקע גליק!

געווען אַן אַרכיטעקט פאַר דער הויז פון דער וועלט,
אַן אינזשעניר פאַר דעם פרידן־בריק;
ווי זון, וואָס גיט לעבן און העלט,
האָסט געשניטן פון קרבן, פון הענקער די שטריק
און פאָטערלעך, מיט שמייכל אין בליק...

געדאַרפט האָט מורא האָבן פאַר דיר אויך דער טויט,
אַזוי ווי דער שונא, פאַר פרייהייט, פאַשיסט —
פאַר דיר איז דאָס שמאָלסטע אין אויג געווען ברייט:
פאָראויס, פאָראויס, דעם שונא פאַרוויסט —
אַ וועלט אַ נייע צו בויען געווען גרייט!...

פעלקער און מענטשן, געטרוימט און געוואַרט,
אַז דו וועסט זיי שטעלן צוריק אויף די פיס,
מיט אמתן וואונטש צו זאָגן ניט געקאַרגט,
פאַר ביטערן לעבן, אַ לעבן פון זיס...
זיי האָבן אין דיר זיך אין דיר ניט גענאַרט!

פאַר היטלערן אַ שרעק איז געווען דיין נאָמען,
אַזוי ווי די טומאה פאַר ליכט! —
האָסט באַוויזן דאָס אוממעגלעכסטע קאָנען —
צו לאָכן דעם טויט אין געזיכט:
די שונאים — אונטערגעבן זיך מאָנען...

פאַר דאָס אומגליקלעכסטע וועלט געווען אַ שטראַל, אַהעלער;
דיין חכמה, דיין וויץ — געווען איז אין אָרט,
אין די שווערסטע מינוטן אין תפיסה־קעלער,
וואו טויט האָט געוואַרט אויפן אָרט —
ביזטו פאַר זיי געשטאַנען אַ דערלייזער, אַ העלער...

האָט דער טויט געשטעלט זיך, פאַרצאַמט דיר דעם וועג
צום טעמפל פון פרידן, וואָס דו האָסט געבויט! —
דיין טרוים פון דער וועלט, פון גליקלעכע טעג,
פאַר פולן טאָג אַרבעט, פרעמד זאָל זיין נויט —
פאַרגעסן דאָס וואָרט זאָל זיין, מלחמה געשלעג...

האָסט פיל מאָל קעגן טויט זיך געשטעלט,
האָסט פיל מאָל אים באַזיגט!
נאָר איצט איז קראַנק און עס בלוטעט די וועלט —
דאָס האָט דיין ערלעכע האַרץ דיך צעדריקט
קעגן שונא דעם טויט, האָט דיר כוח געפעלט...

האָסט באַפרייט די וועלט, ווי משה, מיין פאָלק,
דו ביזט אַ באַפרייער ווי משה;
און צום זיג איצט, דיין חיל, דיין פאָלק —
און געוואונען זיגן גאָר גרויסע!...
מען פלאַנט דיינע טרוימען, מיט ווירקלעכן טאָלק...

באַשערט דיר ווי משה, ווי משה דעם פירער,
באַשערט ניט צו זען דיר, ווי מען צעשניידט איצט די וועלט;
ווי מיין פאָלק ווערט געטראָטן און וואו נאָר אַ שמירער
שטעלט שטיינער אין וועג אונז, ס'איז אַ ביטערע קעלט!...

ליג רואיק, פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט!
קעמפער פאַר פרייהייט, פון מענטשלעכן גליק;
פאָעטן און דענקער, קינסטלער מען שטעלט —
מאָנומענטן, נאָר פאַר מיר אייביק שטיין וועט דיין בליק;

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייל איצטער, נאָך מער דיין פירערשאַפט פעלט!..

מאַי, 1946

מ נ ח ם ב אָ ר י י ש אָ

אַ פולסירנדיקער וועזן, מיט מאַיעסטעטישע ליפּן,
וואָס פלעכטן די ווערטער אין גאָלדן געדריי;
ווי קערנער זאַפטיקע, געלייטערט געזיפּן —
און טיפער פאַרטיפט זיך אין יידנס געשריי...

אַ דינאַמיש געשטאַלט און פעסטיק געבויט,
דאָך אידל פאַרקלערט זיין געזיכט.
אַ שטימע אַ שטאַרקע, אָן קנייטשן די הויט.—
אַז טויט שטייט פון הינטן, ווער האָט זיך געריכט?

און דורכגעוויקט טיף האָט זיין יידישע אויג
פון יידישע ליידן, און יידישן וויי;
אַזוי האָט דאָס האַרץ אים געדריקט, אים געזויגט —
ווי אַ בוים האָט דער טויט אים פאַרשניטן אַזוי...

די האָר, ווי די וואָלן געבויגן, געדרייט.
ווי שוים-ווייס, ווי זילבערנע שפּאָלטן אין האָר.
מיט ווערדע געשפּאַנט האָט זיין טראָט, ווען ער גייט —
אַזוי האָט געלעבט ער, פּונקט זעכציק יאָר!

עס האָט דיך פאַרשניטן דער טויט, דער ברוטאַלער,
אָן אָנזאָג, אָן וואָרט, ניט אַ קלאַפּ אין דער טיר:
דיין ליד האָסט געמאָלן, ווי אַ קינסטלער אַ מאָלער—
דער טויט האָט צעבראָכן דיין שפּילענדע ליר...

האָסט פּערל, דימענטן, אונדז איבערגעלאָזן,
אויף בלוט־רויטע שנירלעך, געוועבן אין גאָלד;
דיינע רייכע געדאַנקען דאַרף מען וויקלען אין ראָזן —
האָסט אין נשמה געגראָבן, דאָס לעבן געמאָלט...

ה. לייוויק

עס וויברירט אין מיינע אויגן,
דיינע לידער, ווי העלע ליכט;
שטערן, זונען, רעגנבויגן —
פרייד און בענקשאַפט אין מיין געזיכט.

ס'האָט דיר גאָט אַ האַרץ געגעבן,
אויגן, זאָלן טיפער זען —
און מיט איידל פעדים וועבן —
וואונדער וועלטן זאָל געשען...

יונגע טרוימען, קינדער פריידן,
בענקשאַפט אין די שטילע נעכט.
אויסגעחלומט פון זיי ביידן —
אין צויבער־רינגען, בינדסט און
פלעכסט...

ס'האָט דיר גאָט אַ האַרץ געגעבן,
אויגן, פאַרבן זאָלסטו זעען;
ווערטער, וואונדער, איינצואוועבן —
פּערל טריפן פון דיין פען...

פּרץ הירשביין

אַ פּנים איידל, מיט אויגן טיפע און פאַרטראַכט;
עלעגאַנט, מיט קאָפּ געדיכטע האָר.
מיט ליפּן דין און אימער שטייף פאַרמאַכט —
רעדן רעדט ער געציילטע ווערטער נאָר...

האָט ער אונדז געגעבן „גרינע פעלדער,"
„שטילע קרעטשמע" און וועלט־געררייזטע ביכער;
לידער, טיף־פאַרטראַכטע, ווי קוואַלן וואַסער, קילע —
און פילע לענדער פאַר די אויגן, ווי קאָלירטע טיכער...

שטאַרקע הענט, וואָס ברעכן קופּערנע מטבעות.
נאָר דער טויט, דער גזלן, איז פון אים געווען שטאַרקער;
איז געווען אַ טיפער ייד — אָן פּאות —
לעבן! — פאַר אים האָסטו ניט געדאַרפט זיין אַזאַ קאַרגער...
לעבן. פרץ הירשביין, וועט דיין נאָמען אייביק לייכטן: —
ווען איך טראַכט פון דיר, ווערן פולע אויגן — פייכטן!...

לעאָן מ. ראָגאַן

(רעדאַקטאָר פון „קאַליפ. איד. שטימע")

זאָל דאָס אַ מצבה אים זיין

ראָגאַן, אַ שטילער מענטש, אָן טומל, אָן רעש.
אַ לערנער, אָנגעפילט ווי שטאַרקער ווייַן אין פלאַש.
האָט זיך שטיל צום יידיש וואָרט געפּלייסט;
ווי לערנען גרויסע — קינדער — זיי געוויזט...
און לערנען זיי מיט ליבע, און די קינדער ליב געהאַט.
פילע מאָל דעם ביסן צום מויל געטראָגן, גאָר ניט זאַט.
און מיט אַ שמייכל אויף זיין טויבלעך פּנים אייך באַגריסט,
וואָס ער האָט ניט דערהערט, האָט ער דאָס ניט פאַרמישט;
זיין בליק האָט אָפּגעפּליקט די רייד פון אייער ליפּ
און האָט יעדן ריר און בייג געשלונגען מיט אַ כליפּ. —
און האָט געענטפערט אייך, ווי ער וואָלט אייך געהערט
און פלינק און שאַרף געענטפערט, האָט ניט פיל געקלערט!
אימער ליב צו אייך גערעדט, קיינמאָל ניט בייז געווען
און האָט זיך ניט געשטופּט, אויב מען האָט אים וואו פאַרזען —
אימער ריין, זיין אָרעם קליידונג אויסגעפּרעסט —
ניט אָפּגעשאַצט אַ מענטש, נאָר זיין פאַרמעג — פאַרמעסט.
האָט ליב געהאַט נאַטור, האָט ליב געהאַט געזאַנג —
און פול מיט לעבן, כמעט יונג, זיין טראָט, זיין גאַנג.
געווען באַגאַבט מיט וויץ און פען, מיט פידל און מיט זעג *)

---

*) ער פלעגט שפּילן אויפן זעג ווי אויף אַ פידל.

אַ פרייד פאַר מיר זיין קומען אין מיין הויז די טעג...
צו ריידן וועגן קונסט: פלעגט ברענגען קלאָרן זין.
אַ בעל־תורה, זינגט ער, מיט ניגון, מיטן טראַפּ.
און ניט געשפּאָט פון דעם וואָס קען ניט פּונקט ווי ער.
האָט אים ווער פאַרשעמט, געשוויגן אין זיך שווער...
און גלייך פאַרגעסן האָט ווען יענער גיט די האַנט —
און האָט אַ פּסוק גלייך געזאָגט מיט גרויס פאַרשטאַנד:
דער תלמוד אויפן צונג, די תורה פול אין קאָפּ,
רעדט ער תורה, זינגט ער, מיט ניגון, מיטן טראַפּ.
אַ טייערער פריינט געווען, מיט עצות און מיט ראָט —
וואָרום, נעמסטו טויט אַוועק די ערלעכסטע כמעט?...
און לאָזט די פאַלשע דאָ, די אָפּלאַכער, די קרענק —
נעם די לצים צו: — די גוטע לעבן שענק!...

אַברהם רייזען

אַך, גוטער רייזען, האַרץ פון פּוטער,
ווי אַ ייִנגל ,דאָ און דאָרטן;
נאָר מיט שמייכל און אַ גוטער—
ווי אַ בלום צעבליט אין גאָרטן.

נאָר ער זעט אין יענעם שיינקייט,
נאָר ער זעט אין יענעם גוטסקייט;
אין אַ פאַרשמוצטן, זעט ער ריינקייט—
אין גרויסהאַלטער... פאַרזעט עס
פּוסטקייט...

רייזען, רייזען, אַלטער־יונגער!
ווער פילט שלעכט צו אַזאַ מענטשן?
אַך, די בייזע, בייזע צינגער—
מוזן אויך דיך, רייזען, בענטשן.

אַך, רייזען, רייזען—דיינע לידער
וועלן קיינמאָל ניט אָפּשטאַרבן;
זינגען וועט מען זיי ווידער, ווידער—
בלומען וואָס מען וויל ניט פאַרדאַרבן...

כ'רייד שוין ניט פון קליינע גדולים,
פילע גדולים, שוין פאַרגאַנגען...
אין די טאָוולען ליגן חולאים —
מיט זייערע „אָפּגעזונגענע געזאַנגען”...

אָבער דיינע לידער וועלן לעבן!
ווייל זיי זיינען פול מיט כוח.
אין יעדן האַרץ, ווי איינגעוועבן—
זיי ליגן ביים פאָלק אין מוח!...

מיין חבר גאָלדאָווסקי

ניט ווערטער קענען פיל מאָל זאָגן, וואָס אין האַרצן בריט.
ווען פליגלען פאָכען ווי אַ פאָכער, דאָך קילט ניט דיין געמיט.
קען פילן עמיצער דעם טיפן ווײ, דעם ריס פון מעסער טעמפּ —
ווען ס׳ברויזט אין דיר, ווערסט קליין — פאַר זיך אַליין פאַרשעמט...

ס׳האָט דער גזלן־טויט, מיט נעגל שאַרף פאַרגנבעטערהייט געריבט,
דאָס שטיק געזאַנג, ווי דער שפּאַרבער — דאָס שטילע ווייסע טויב
פון פריער שוין מיט יאָרן, האָט דער טויט געזוכט זיין רויב —
נאָר ס׳האָט אַ מלאך׳ס האַנט, אַ ווייב! געוואַכט — צו איר מיט לויב. —

צו איר! — וואָס האָט פאַרהיט אויף יאָרן, שפּעטער, שפּעט!
דאָך האָט דער טויט, דער טויט געזיגט זיין טויטן גלעט;
בלויטלאָז ליגט מיין טייערער — געזאַנג —
פאַרשניטן ווי, ווי אין פעלד אַ זאַנג!

ס׳איז אַ וועק אין גאָר אַ קורצער צייט: הירשביין, שאַפּיראָ;
שטערן, זונען, פון אונדזער הימל שוואַרץ;
נאָר גאָלדאָווסקי — ניט מער אַ קליינער שטערן שטראַל: —
ער, נאָר ער, טראָגט אַוועק — אַ שטיק מיין האַרץ!...

זיין וויזיע, זיין דענקונג־גאַנג — אַליין, ווי איך!
און שעה׳ען פילע, ניט פיל גערעדט: געטראַכט אין זיך.
ער קאָן מיך דורך און דורך, האָט ער געזאָגט: —
צו אייך מיך ציט, ווי טוי צום בלום — ווען ס׳טאָגט!...

אין אונדזער שווייגן האָט מער גערעדט, ווי ווערטער אין אַ בוך.
איך האָב זיין וואָרט געוואויגן, געלייטערט זיין געדאַנק;
צי וועט זיין זאָמען... קענען טרעטן אין זיין שוך? *
פאַר אים וועט אייביק וועקן, אייביק מיין געזאַנג!
לאָס אַנגעלעס, אָקטאָבער 25, 1948

*) גאָלדאָווסקי זון (שלמה זהבי) שרייבט אויך לידער.

אין שפּיגל

איך קוק אין שפּיגל זיך אָן: אַ באַקאַנטע געשטאַלט ;
אַ געשטאַלט, וואָס מיר דאַכט, אַז איך קען זי פון לאַנג.
צי איך אויס מיין האַנט, אַ שלום־עליכם דערלאַנג —
נאָר עפּעס אַ ציטער מיך מאָדנע באַפאַלט...

אָט ערשט האָב איך געוואָלט גאָר, אי זינגען און לאַכן,
האָט זיך מאָדנע דאָס פּנים אין שפּיגל, צעשטשירעט אויף מיר;
מיט אַ קרומען מויל, יאָסלעס בלאָע, ציינער — פוילע פיר—
האָט ער זיך צעהירזשעט, ווי ער וואָלט חוזק פון מיר מאַכן:

צו וואָס דער אָנשטעל, זיך פּרואוון געפעלן?
ווען קיין זאַך פאַרמאַגסטו, קיין גאַנצעס אין זיך;
קיין ציינער, קיין אויגן, אַ קאָפּ מיט אַ פליך—
און וואַגסט זיך, דעם אמת, אַקעגן צו שטעלן...

עי, לץ, וואָס דו ביזט! עס פעלט דיר קיין העזה—
צו שפּייען דעם אמת אין פּנים אַקעגן:
קוק אָן נאָר דיין שטערן! ווי צעפאָרענע וועגן ;
די באַקן צעקנייטשטע, אַזוי ווי — ראַגאָזשע...

עס שווידערט צו קוקן דעם אמת אין פּנים,
מיר ווילט זיך אַנטלויפן און ריר זיך פון אָרט ניט ;
ווי מען וואָלט צו דעם דיל, מיינע פיס מיר פאַרשמידט,
עי! פרייט זיך — פרייט זיך — פיינט מיינע, שונאים!...

פרייט זיך, אָ פיינט מיינע — איך בין אויסגעשלאָסן —
איר קענט פון מיר לאַכן — אפילו באַשפּייען;
מיין געוויסן איז קלאָר, ער קען אַלעס פאַרדייען,
די צייט האָט איר שטעמפּל אויף מיר אויסגעגאָסן...

קוק איך ווידער אין שפּיגל; איך פּרואוו זיך איינריידן:
וואָס קימערט מיך יענער מיט דעם פּנים דעם בייזן;
אַ דאַרער, אַ לאַנגער, אַ סטראַשידלע אין הויזן,
דאָך ווייס איך, איך וועל זיך פון אים אייביק ניט שיידן...

נאָך מיין ערשטער ליבע בענקט זיך פאָרט

ווילנע, שטאָט, וואו איך האָב מיין לערע געקראָגן,
שוביצער גאַס איז אין מיר איינגעוועבט.
גאַסן פון ווילנע, האָט מיין זכרון געטראָגן —
אויף גראָשענע מאָלצייטן — געלערנט, געשטרעבט...

אַך, יאָרן, נאָך יענע, ווען צאַר האָט געוואָרגן,
דאָס פאָלק, דעם ייד, דעם אַרבעטער קלאַס;
האָט שלאַכטע — „פּאַדערעווסקי" — געבראַכט פאַר אונדז זאָרגן,
אַליין אונטערדריקטע, געשפּרייט יידישן האַס!...

ווילנע, האָב געליבט דיך מער ווי מיין געבוירן־שטאָט,
ביי דיר האָב איך געלערנט דעם וועג צו זיין פריי.
דאָרט האָב איך אויסגעמושטירט צו שטעלן מיין טראָט —
מיט פעסטקייט צו שטיין אַקעגן טיראַניי...

און פיל מאָל, כאָטש זון האָט געשיינט דאָרט אין הימל,
מיין מוח געדריקט האָט מיר, ווי וואָלקנס פון בליי;
געליבט יעדן שטיין דאָרט, געליבט יעדן בלימל: —
אויך זיי אונטער צאַר זיינען געוועזן ניט פריי...

אַוועק בין פון ווילנע מיט אַ האַרץ אַ צעדריקטער,
מיט טרערן, וואָס האָבן געוואָרגן אין האַלדז;
נאָר האָבן געהאָפט האָב איך מיט פרייד אַ פאַרשטיקטער —
צאַר! קומען וועט שעה פאַר דיין נאַקן, דיין האַלדז...

אַך! ווילנע, ווילנע, שענסטע שטאָט פון ליטע,
פילע טרוימען, גליק־חלומות האָב איך דאָרט געוועבן;
איך האָב דאָרט אַ בלאָנדן־מלאך אָנגעטראָפן
און ליב געקראָגן, שטאַרקער פון מיין לעבן...

בייזע ווינטן האָבן מיך אַהער געטריבן,
צו געפינען פאַר מיין לעבן אַ זיכער אָרט.
מיט מיין טרוים בין איך ביז אַצינד פאַרבליבן: —
נאָך מיין ערשטע ליבע, בענקט זיך מיר נאָך פאָרט!...

בועז און רות

װען בועז'ן האָט די װאַרמקײט פון רות'עס אױגן,
אַדורכגענומען װי אַ פלאַם אין זײנע בלוטן —
און איר געשטאַלט צום אים האָט זיך געצױגן,
זײן בענקשאַפט; שעה'ען, געצױגן האָבן זיך מינוטן.

אין איר פאַרהױלט ליבע געזען האָט ער רונדיקײט,
אַ קלאָר־װײס סאַמעט לײב, מיט פולע ברוסטן.
ער האָט געטראָגן זײן פאַנטאַזיע ביז באַװאונדערקײט —
צו באַזיצן זי האָט זיך אים שטאַרק געלוסטן...

רות האָט דאָס באַמערקט אין זײנע אױגן פול מיט ליבע,
זי האָט פאַרשעמט מיט ליבע אױך געבערענט פאַר אים;
זי האָט איר סוד פאַרטרױט איר שװיגער נעמי, מיט אױגן טריבע:
מײן לײב פלאַמט־אױף, װען איך הער זײן װאָרט, זײן שטים.

נו, גײ־זשע, טאָכטער, ער איז אַ קרוב אונדזער, און ער
װעט װערן מאַן פאַר דיר, דו װעסט אַ זון פאַר מיר געבאָרן;
װײל אין מיר אַ מאַנ'ס זוימען קען זיך ניט באַהעפטן מער,
װײל טרוקן איז מײן לײב, װײל אַלט בין איך מיט יאָרן...

ער מוז דיך אױסלײזן און לאָזן גײן דעם גאַנג פון לעבן —
און איך װעל ציען דורך דײן לײב, פון מײן געבײן;
גײ, טאָכטער מײן, דעק־אױף דײן לײב, ער װעט דיר ליבע געבן,
דו טוסט קײן זינד, עס איז זײן חוב, אָרנטלעך ביזטו און רײן.

איז רות, די טאָכטער פון מואָב־פאָלק, די שנור פון נעמי'ן,
פאַרגאַנגען אין טראָגן און זי האָט אַ זון געבאָרן.
האָט עס נעמי גענומען צום האַרצן, מיט ליבע פון אַ מאַמען;
עובד, האָט זי אים גערופן, אַ פרײד פאַר אירע יאָרן...

האָט רות מיט ליבע, איר זון געהיט מיט טױזנט אױגן,
אין דרכים גוטע, ערלעכע, געלערנט אים צו טרעטן,
אין אירע אױגן האָט זי אים געזען, די פרײד. װען זי האָט אים געזױגן,
אַז קומען זאָל פון אים אַ גוטער דור, האָט זי בײ גאָט געבעטן...

העכערס וואָס רעגירט

מיין לויב טראָג איך צו דיר, זון,
אַלע לעבן מיט דיין זכות;
האַלטסט די וועלט מיט כוח פון
גראַוויטאַציע־מאַגנעט־פּוס.

דו גיסט חיונה פאַר די גראָז,
צו וואַקסן און צו לעבן;
גיסט פאַרבן, פאַר בלום און ראָז;
פאַר דעם מענטש כוח־וועבן.

דו שיקסט שטראַלן, וויאַלעט.
אין די שטראַלן לעבן ליגט.
קיינער פילט ניט, קיינער זעט —
דו, צי גאָט, פאַר אונדז דאָס שיקט?

דיך, איך זע: ווער גיט דיר מאַכט?
דרייען זיך אַרום דיין אַקס.
כ'פיל דיין קראַפט, בייטאָג, ביינאַכט,
אי גראָז, אי מענטש — אַלעס וואַקסט!

דאָ איז אַ כוח, וואָס גיט דיר קראַפט,
ווי דו, וואָס האַלטסט די ערד;
יענער כוח אין דיר באַשאַפט —
וואָס איז שוין אונדז דערקלערט.

פיל איך דארום, מיט מיין פאַרשטאַנד,
אַז העכערס — וואָס רעגירט;
אַז ערגעץ אַ געהיימע האַנט,
אויך מיט דיר, זון, זי פירט...

ממשלה עליונה, אין מיר, דיך בענטש,
אדון־עולם, וואָס דו פירסט די וועלט;
גוטסקייט ברענג אין שלעכטן מענטש;
גוואַלד און בלוט אין אונדז פאַרשעלט!

ב ט ח ו ן

יוסף אָפּאַטאָשון

לידער רייסן זיך פון האַרצן,
ווי אַ קוואַל פון ערד.
וואָס געלעגן איז פאַרטליעט,
ווי אַ טרוים פאַרקלערט...

נאָר די לידער ניט זיי זינגען,
גיסן פעך און פלאַם!
ס'האָט אַ ווילדע ברוינע חיה —
אָפּגעריסן זיך פון צאַם.

און האָט מיט אַ ווילדן הונגער
אויספאַרצוקט מיין שטאַם;
בלוט און טרערן האָט געגאָסן —
ווי אין טיפן ים.

איז אַנטרונען, דאָ און דאָרטן,
וואַנדערט אום אַ ייד;
שפּאַנט ער לענדער, איבער ימען —
ווערט ער אַלץ ניט מיד...

ער האָט האָפענונג — בטחון! —
וואו ים מוז זיין — ברעג:
ער וועט נאָך אַמאָל אויף האָבן
רואיק, גליקלעך טעג...

די מיקראָב

ווי אַ גנב קריכסטו אין מיין גאָרטן קאָפּ
און פאַרבסט מיין בלאָנדן קאָפּ אין גרוי...
נאָך יונג האָסטו מיר אויסגעצופּט מיין פּאָרנטקרוין—
ווערסטו מסתמא מיך פאַרעלטערן אַזוי!...

שווער איז מיר, מיט דיר אין קריג צו גיין,
איך האָב אויף דיר געגאָסן פעך און סם.
נאָך מעכטיקער דיין קליינקייט איז פאַר מיר,
אומצוברענגען דיר קאָן מען, אפשר מיט אַ פלאַם...

ס'איז דאָס לעבן, ווי די סיזאָנען פון דעם יאָר:
פרילינג, זומער, הערבסט און ווינטער קאַלט!...
אַזוי איז מענטש, אַזוי איז יעדער מין—בעל־חי—
קינדהייט, יוגנט, מיטליאָרן, ביזן אַלט...

ס'איז דאָס קרוין פון קאָפּ ביי מיר אַן אויסגעפליקטע.
ס'איז דער לעצטער שטאַנד פון די סעזאָנען פיר;
האָב געקעמפט מיט דיר, אַ האַלב יאָרהונדערט לאַנג—
איצט טראָג מיין קאָפּ געבויגן — באַזיגט פון דיר...

אָ, פריינט מיין, פאַרשטיי מיך

דאָס לעבן, ער גיט אונדז, אי ווייניק און קאַרג,
ער גיט אונדז, ער גיט אונדז — נאָר זאָרגן אַ באַרג.
ער ווייזט אונדז — אַ הימל, אַ בלויען און ריין,
אַ לעבן אַ שיינעם, נאָר קענסט דאָרט ניט גיין...
אָט זעסטו דאָס גליק, עס שטייט ביי דיין טיר—
דו ווילסט עס אַ חאַפּ טאָן — פאַרשווינדט עס פון דיר...

צו קלוג זיין איז אויך ניט אַ מעלה אַזאַ.
פאַרשטיין פיל און קוקן און שווייגן און שאַ!
דאָס מאַכט דיר מער ליידן, צו האַלטן דאָס מויל:
זעסט קעפּ פאַרריסן, חוצפּה—און שכל איז זויל...
און דענקען, זיי זיינען די קאָפּ פאַר דער קרוין.
אָ! פריינט מיין, פאַרשיי מיך! פאַרשטיי וואָס איך מיין!...

אומזיסט זיך שטעלן אַנטקעגן

אַבא גאָרדין

איך זוך די פאַרלוירענע שטונדן,
פאַרלוירענע טעג און חדשים,
וואָס האָבן אין יאָרן געבונדן—
איצט בין איך אַן עלנדער יתום.

איך קוק אין מיין אַלבום־פּאָרטרעטן;
אַ שפּיל־קינד, אַ קליין קינד, אין חדר;
איך קען זיך אַליין ניט אָנזעטן,
איך צייל מיינע יאָרן כסדר...

צעשפּרייט זיינען בילדער ווי קאָרטן—
צוויי יאָרן, פיר יאָרן, ביז צען;
אַזוי האָב איך אַלע צו סאָרטן
מיין גאַנצענעם לעבן דערזען.

עס ליגן די בילדער אין רייען—
איך זע מיינע שטונדן און יאָרן;
עס ווילט זיך מיר קרעפטיק אויסשרייען:
איך האָב נאָך מיין קאַמף ניט פאַרלאָרן...

איין בילד האָט פאַרכאַפּט מיינע אויגן
און האָט מיר מיין מוט אָפּגענומען—
אַ גרויער, מיט קנייטשן, געבויגן—
ערשט איצט האָב איך אַלצדינג באַנומען.

אומזיסט זיך צו שטעלן אַנטקעגן,
נאַטור האָט באַשטימט אירע צייטן,
און פינקטלעך עס זיינען די וועגן—
געזעץ פון נאַטור קענסט ניט בייטן...

נאָך יענע טעג

עס בענקט זיך נאָך יענע, פאַרגאַנגענע, טעג,
וואָס האָבן די יוגנט געצונדן;
כאָטש שווער, כאָטש פאַרשטיינערט, געווען איז דער וועג —
קיין ריקוועגס: קיין בלוטענדע וואונדן...

עס האָט דאָך אין מיר, ווי אַ פייער געברענט,
וואָס האָט פאַרגעניגן געגעבן:
עס האָט ניט געשראָקן מיך פון טורמע די ווענט,
פאַר קעמפן — געווען איז מיין לעבן...

אין שטילשטאַנד איז עפּעס מיין זעלע געווען —
ווי זי וואָלט אַ קראַנקע, געלעגן.
עס האָט מיך געצויגן צום שטורעם, צום ברען —
צו גיין דורך פאַרבאָטענע וועגן...

פאַר מיר איז געווען, פאַרבאָטן, קיין זאַך —
איך האָב ניט געלעבט קיין באַפעלן;
געקעמפט האָב איך איינער, קעגן פילע, אַ סך!
קיין געפאַר האָט געקענט מיך אָפּשטעלן...

עס גליט אין מיר, ברענט און עס ברויזט נאָך אַצינד,
אַ שטורעם, אַ פייער, וואָס קען ניט איינשטילן;
פריי זיין מיר ווילט זיך, ווי דער שטורעמדיקער ווינט —
וואָס ברויזט אויף די ימען, ווען ס'פאַרווילט זיך אים שפילן...

אַזוי פריי זיין פון אַלצדינג, וואָס בינדט צו איין אָרט:
פאַמיליע, מאָראַלישע פליכטן,
אָט דאָ, אָט דאָ!... הויב איך הויך אויף מיין וואָרט —
צו פריי זיין פון יאָך פון געוויכטן...

עס בענקט זיך נאָך יענע, פאַרגאַנגענע טעג —
וואָס האָבן מיין יוגנט געצונדן...
אָן שרעק און אָן מורא, בין געגאַנגען מיין וועג,
קיינער האָט מיין פרייהייט געבונדן!...

אין שלאָפלאָזע נעכט

אין שלאָפלאָזע נעכט, מיט אויגן פאַרמאַכטע,
זע איך די וועלט אין אַלע פיר עקן;
עס גייען פאַר מיר אויף, ווי אויפגעוואַכטע,
געשטאַלטן פון יוגנט און וועבן און וועקן...

איך שפּיל זיך מיט קינדער, אין טאַטע און מאַמע;
מיר שפּילן אין קראָמען, מיר קויפן, פאַרקויפן;
עס שפּילט זיך די ווייסינקע קעצעלע „טאַמע"
און היידאַ, ווי פערדלעך, מיר לויפן און לויפן.

ווער טראַכט עס פון עסן ווער טראַכט עס פון טרינקען?
מיר באַקן ליימיקע טאַרטן און קוכן;
איך מאַך זיך ווי קאַליקע און הויב אָן צו הינקען—
און שטיל איך באַהאַלט זיך און אַלע מיך זוכן.

איך בין דאַן געוועזן ניט מער ווי פיר יאָרן,
נאָר ס'ליגט איינגעבאַקן ביי מיר אין זכרון.
אָט זע איך דאָס פעלד מיט מאַרגאַריטקעלעך געלע
און קווייטעלעך בלאָע און רויטע און העלע.

מיין גרויס האָט אין זיי קוים מיין קעפּל געזען זיך
און אויסגיין די האַרץ פלעגט פאַר שמחה און פריידן;
אָט יאָגט זיך אַ מיידעלע, בויגט זיך און זוכט מיך;
עס וואָלט ניט געוואָלט גאָר פון שפּילן זיך שיידן.

ביז מאַמע פלעגט רופן: אַריין קינדער עסן!
און היידאַ פאַרריסן די פיסלעך געלאָפן;
געשלונגען די וועטשערע און קוים וואָס געזעסן:
אַ מידער, אַ זאַטער, בין גלייך איינגעשלאָפן.

אַך, ווי סע בענקט זיך נאָך קינדערשן לעבן!
איך קליב זיי צוזאַמען, ווי פערדים אין וועבן;
אָט שטייט פאַר די אויגן די זאָרגלאָזע יאָרן—
קינדהייט, איר וועט ניט אַרויס מיין זכרון...

זכרונות

(מיין טאַטע)

1.

אַ פּשוטער ייד איז געווען מיין טאַטע,
האָט תורה גאַנץ ווייניק געקענט.
אַזוי איז געווען זיין תורה אין פּראַצע —
קיין רו האָט געהאַט זיינע הענט.

גאַנץ פרי, פאַר אַ לעמפּל, איז די נאָדל געלאָפן,
געבויגן דעם רוקן ביז שפּעט אין דער נאַכט;
אינדערפרי פלעג איך טראַכטן: איז טאַטע געשלאָפן?
אויף מיין פראַגע האָט ער זיך צעלאַכט:

ס'איצט ערב־יום־טוב—זונעלע מיינער,
האָט ער געגלעט מיין קינדערשן קאָפּ.
עס האָט מיך פאַרשפּעטיקט, דער גאַרניטערל דיינער—
און האָט זיך צעזונגען, תהלים מיט טראָפּ...

האָט קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט אַ האַנט, וואָס געבעטן,
די לעצטע געטראָגן אין ליידיקן האַנט:
דעם ביסן פון מויל אַ צווייטן צו זעטן,
צו ישיבה־בחורים, געווען גוט באַקאַנט.

אַלמנות, יתומים — געליען, געגעבן
און צופיל געווען איז ביי אונז ניט אין שטוב;
אַזוי האָט געלערנט מיך דער טאַטע צו לעבן—
צי האָסטו, צי האָסט ניט; מען נעמט ניט אין גרוב.

2.

מיין מאַמע, אַ קליינע, דאַר און אַ זשוואַווע,
פלעגט שפּאַלטן די קאָפּיקע, אין העלפט און אין פערטל;
האָט אויך זיך גענומען צו פרנסה, פאַרהאַוועט —
געקויפט און געהאַנדלט, ווי זאָגט זיך דאָס ווערטל:

גאַלאָפּן, געטומלט — „אַ כמאַרע אַן רעגן,"
געלאָזן די קינדער אויף גאַטס הפקר־וועלט;
אַזוי זיך געוואַלגערט, אין גאַס, אויף די וועגן —
אין מסחר די מאַמע, נאָר פאַרדינט ניט קיין געלט!...

נאָר פרײַטיק, ערב־שבת; אויך ערב־יום־טובים
איז געווען די זיסקייט פון קונפטיקן טעם —
דער פלאָדן מיט מאָן פלעגט צעגיין אין די אברים —
דער טאַטע—אַן אַרבעט, מאַמע—ריין און פאַרקאַמט...

די גאַנצענע וואָך געגעסן לאַפּצאַנעס:
נאָר פרײַטיק־נאַכט האָט גע'ריח'ט די פיש;
די גאַנצענע וואָך געחלומט פון שבת —
צו זיצן צוזאַמען, ביי אַ ליכטיקן טיש...

און גלייך נאָכן עסן האָט געדרימלט דער טאַטע,
געשלעפט זיינע מידע אברים, צום בעט.
געבלאַנקט האָט דאָס טישטוך, ווייס ווי וואַטע;
די מאַמע רייניקט, צעשטעלט אַלץ און רעדט...

3.

צאַרט איז איר פּנים, פריי איז פון זאָרגן,
שבת איז הייליק, ניט זאָרג; זינג אַ ניגון.
אַרבעט זי שפּעטלעך, פאַרגרייטן אויף מאָרגן —
און גייט נאָך מיין שוועסטער, די קליינע, פאַרוויגן.

געליבט האָב איך פסח — פון אַלע יום־טובים,
ס'האָט געשמעקט מיט ריינקייט, מיט לופט און מיט בלום;
צוגאַסט פלעגן קומען צו אונז אַלע קרובים,
און מיר פלעגן גיין צו זיי אומעטום.

כרעמזלעך, יאַדערלעך און נאָך זיסע זאַכן,
און איך פלעג עס וואַרפן אין זיך אַן אַ צאָל;
די מאַמע פלעגט ווינקען, ווי איך זויף, און פלעגט לאַכן —
אַ צערטלעכע ווייכקייט, אין איר זילבערנעם קול.

גענעסן מצה מיט האָניק, מיט הינערשע גריוון,
פון ראָסל אַ באָרשט, רויטער פון וויין.
און מאַמע פלעגט לאָזן אויפן טיש מיט אַ כיוון —
אַ כרעמזל, אַ קנײדל, כ'האָב געוואוסט אַז ס'איז מיין!

אַך, טייערע מאַמע, דו גוטע, דו צאַרטע;
דעם ביסן דעם לעצטן, די קינדער געגעבן.
די הענט דיינע קליינע, צעמאַזאָליעט און האַרטע —
פאַרביטערט פון יאָך איז געוועזן דיין לעבן.

.4

ווען ס'האָט זיך גע'כעס'ט, מיט בליץ אין די אויגן,
דער טאַטע דער בייזער, האָב צו דיר זיך געטוליעט;
דו האָסט מיט דיין קערפער מיך פאַרטיידיקט, געבויגן—
אַזוי האָסט אַליין זיך אַמאָל איבערגעקוליעט...

דו האָסט מיינע ווערטער געצעו־טלט, געוואָגן,
געזאָגט, אַז איך בין די אויג פון דיין קאָפּ.
האָט מיך איינמאָל דער רבי צעממיתט, צעשלאָגן —
האָסטו מיט רציחה אים געוואָרפן אַ טאָפּ!

אַזוי האָב געאָטעמט מיט האָס צו מיין חדר
און טיף ווי אַ וואָרעם אין מיר האָט געגנאָגט;
געשאָלטן דעם רבין און געוואונטשן כסדר,
אַז מקוים זאָל ווערן, וואָס איך האָב אים געזאָגט...

איך וועל שלאָפן אַ הוילער, אויף בלויזער פאָדלאָגע...
איך וועל עסן אײן מאָלצייט און בעטן צו גאָט:
ס'זאָל מיין תפילה אין הימל מאַכן טרעוואָגע —
אַזוי ווי יהושע, די זון אָפּגעשטעלט האָט...

אַזוי האָט געאַרבעט מיין קינדערשער מוח:
מיין וואָרט, וואָס באַפעלט: מקוים זאָל ווערן.
אַזוי וויל איך אויכעט זאָל האָבן דעם כוח,
אַז קען טרעפן אַזוינס, פלעגן יידן דערציילן —
שבת נאָך מנחה, אין בית־מדרש פלעג הערן...

האָמליע מיין היים

האָמליע, מיין היים, וואו מיין וויג איז געשטאַנען,
וואו עס האָט מיין בליק — די זון דאָרט געפונען,
וואו כ'האָב שוין אַלס קינד, מיין לעבן פאַרשטאַנען,
אין שעה'ען פון אומעט חלומות געשפּונען.

האָמליע, מיין היים, וואו כ'האָב אָטעם געצויגן,
די פרייד פון מיין שפּיל האָט די געסלעך פאַרקלונגען;
דער אומעט ביינאַכט, האָט פאַרטרערט מיינע אויגן —
און שפּעטער פון פּיין, כ'האָב לידער געזונגען.

מיין היים, דיין רוי גייט מיר דורך פאַר די אויגן:
הייזלעך, ווי הויקערס, מיט אָרעמע קינדער;
וואו ס'האָט זיך, אין זיי, די נויט דאָרט דערצויגן: —
אַ קרומער, אַ שטומער, אַ „תם און אַ בלינדער."

איך בענק נאָך מאַמעס געזאַנג ביי מיין וויג,
נאָך פרייד, וואָס מיין טראָט האָט אין שטוב איר געבראַכט;
נאָך דער גאַס, וואו כ'האָב זיך געשפּילט מיט דער ציג,
מיט עופות, געוואַלגערט, מיט זיי כ'האָב פאַרבראַכט...

האָמליע, מיין היים, בלויז אין זכרון דיין נאָמען,
ליגסט פאַרחרובט פון שונא, נאָר אַש צו געפינען;*)
בילדער פון יוגנט הויבט זיך אָן צו דערמאָנען. —
אַך, יידישע האָמליע! ליגסט פאַרברענט אין רואינען...

*) בעת דער נאַצי אינוואַזיע.

וואָס איז לעבן?

וואָס איז לעבן, גאָר און גאָר?
אַט, אַט! דאָ — און אַט ניטאָ!
אַלעס האַלט זיך אויף אַ האָר —
ס'איז אַיין גרויסע לאַנגע שעה.

און מען רייסט זיך און מען כאַפּט
און מען קלייבט נאָך מער און מער,
ביז אין קעשענע פול דערטאַפּט —
אָבער לונגען ווערן לער...

לויפסט צום דאָקטאָר דאָ און דאָרט,
וואַרפסט די פּראַצע און דיין קלייב
און קיין מיטל העלפט ניט פאָרט —
קאָנסט מיט גאָלד ניט אָנפילן דיין לייב.

1911

פּאָגראָם רומעניע*)

צי האָסטו מענטש אַ האַרץ? צי איז דיין האַרץ פון שטיין?
צי האָט די נאַכט געלייגט זיך אויף דיין מוח־פלאַך;
צי איז די חיה ווילד אַריין אין דיין געביין?
וועלכע ווילדע בלוט האָט דיך צו דעם געבראַכט?

פון וואָס ביזט מענטש געבויט? צי ביזטו פליישׁ און בלוט?
צי האָט פאַרשאָלטן דיך די זון דער ליכטיק טאָג!
צי איז דיין מאַרך גראַניט, אַ מאָנסטער, ווילדער ברוט!
מיט מעסער שאַרף אין האַנט, אויף קרבנס טרערן קלאָג...

געקוילעט האָסט ווי פי, דיין אייגענעם געשטאַלט!
ס'האָט דער שד אין דיר געלאַכט מיט טויזנט שטים:
און ווילד נאָך מענטשלעך בלוט, טוסט דיין אַרבעט קאַלט;
ווי ס'וואָלט אַ פּלאַן דיין האַנט אויסגעפּלאַנט אויף אים...

צו טראַכטן שווער דערפון, דער זין פאַרגייט אין פלאַם!—
אַ יונגפרוי, שיין אין בלום און שניידסט איר אָפּ די בריסט;
איר גוסדיקער קרעכץ, איר טרער, איר בלוט שפּריץ איז ווי סם!—
טויט וועט טרעפן דיך, דו מערדער, דו סאַדיסט!...

גיי ערלעך מענטש אַרויס, דיין שטים, אַ דונער, ברום!
און ווי אַ בליץ רייס אויף די פינצטערקייט די נאַכט;
און זאָל די וועלט דערזען, אַז ניט מיט שוויגן שטום!..
מען מוז אָקעגן גיין געווינען אין דער שלאַכט!..

גאַסן פול צעשפּרייט מיט געשלעכט פון יידיש מין...
האַלב־טויטע וואַנדלען אום מיט אבר־מן־החי;
געקוילעט ליגט דער ייד ווי שאָף נאָך יידיש דין...
פרומע בעטן גאָט!— ביז פּאָגראָמשטשיק מאַכט זיי פריי!...

ס'ליגט אַ גוסס דאָרט איינגעדרייט אין פּיין—
אין שרעק באַהאַלטן קרעמפּט זיין שטילע ווייב און קינד;
ס'וועט דאָרטן יעדער שטיין, אַן עדות אייביק זיין;
דער לעצטער גוסס קרעכץ צעטראָגן וועט דער ווינט!...

פעברואַר, 1941

---

*) איידער רומעניע האָט זיך פאַראייניקט מיט היטלערן האָט זי געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף יידן... דער עיקר האָבן די סאַדיסטן געשניטן די געשלעכט טיילן און געלאָזן זיי וואַנדערן און בלוטיקן צום טויט.

אַראַבער, מיר קומען צו אייך דאָך ווי ברידער *

איך ווייס ניט צי בין איך פון אייזן, צי שטאָל;
עס קלאָגט אין מיין האַרצן, ברומט ווי אַ לייב! —
עס רייסט זיך פון מיר אַן אונמענטשלעכער קול,
עס ווילט זיך צעדריקן די מענטשהייט אין שטויב...

ציון, אַ לאַנד פון אונדזער האָפענונג—רו,
אונדזער היטער־פאַסטוך האָט אונדז פאַרראַט;**
געשענדעט, געטראָטן, פאַרבלוטיקט ליגסטו,
מיין ליבער, מיין טייערסטער, יידישער שטאָט.

איך הער געשרייען פון יונגע און אַלטע,
מוטערס געשענדעטע, קינדער דערשטיקטע;
די וועגן פול קערפּערס פאַרגליווערטע, קאַלטע,
אַן צונגען, אָן נעזער, אינגאַנצן צעפליקטע...

אָ, שאַקאַל פון מדבר, האָסט זיך צעיושעט,
עס האָט פאַרשמעקט דיר די קלאָר־ווייסע פלייש;
אַ ביין וועט דאָך בלייבן אין האַלדז ביי דיר שטעקן —
אין ווי וועסט זיך וואַרפן אין דיין גאַנצענער גרויס...

די פינגער פלעכטן ביי מיר זיך אין פויסטן,
די נעגל שניידן מיין לייב ביזן בלוט; —
אָ, ניין, מיינע ברידער, ניט לאָזט זיך אויסקוילן—
אַזוי ווי מכבייער קעמפט מיט מוט!...

גענוג איז אונדזער בלוט פאַרגאָסן געוואָרן:
אין רוסלאַנד, פוילן, רומעניע און וואו
די וועלט האָט אַן עק נאָר, האָבן מיר פאַרלאָרן —
וואַנדערן מיר, זוכן אַ ווינקל און רו...

* הגם, די פּאָעמע איז געשריבן געוואָרן בעת דעם גרויסן פּאָגראָם, וואָס די אַראַבער האָבן געמאַכט אויף די יידן אין ארץ־ישראל איז זי רייף אין דער היינטיקער תקופה.

** ענגלאַנד.

אומעטום זיינען מיר פרעמדע פאַררעכנט,
אָבער ארץ־ישראל, דאָס איז אונדזער לאַנד; —
אַראַבער, צי קריסטן — מיר זיינען געקומען:
צו קעמפן, צו בויען, צו לעבן אָן שאַנד...

מיר זוכן קיינעם קיין קנעכט ניט צו מאַכן,
מיר ווילן נאָר לעבן אין פרייהייט, אין רו,
מיר ווילן דער וועלט מיט אונזער חכמה באַגליקן,
פון וועמען, אַראַבער, געהעצט איצט ווערסטו?...

אַראַבער, מיר קומען צו אייך דאָך ווי ברידער,
מיר הויבן דאָך אייך אויף פון שמוץ און פון קויט;
איר לעבט איצט בעסער, איר לעבט דאָך איצט שענער —
איר ליידט ניט קיין הונגער, איר ליידט קיין נויט!...

אָ האָס אין מיין האַרצן צו אייערע פירער,
די שעיכן, וואָס זויגן פון אייך אייער בלוט;
מיר יידן, און אַרבעטער, קומען באַפרייען
אייך אָרעמע אַראַבער, פון הונגער און קנוט!...

1929

טענות צו גאָט

גיב מיר, גאָט, כוח בייצושטיין מיין בייזקייט אין מיר.
איך ווייס, איך בין ניט שלעכט: כ'קען ליידן ניט פאַרטראָגן.
ס'איז אין מיר אַ „דאָקטאר דזשייקל און אַ מיסטער הייד"!..
און אַלעמאָל טוט דער „מיסטער הייד" מיך איבעריאָגן...

אָט שיינט די זון: ס'שמייכלט גוטסקייט פון מיין האַרץ
און די וועלט איז פול מיט פריינט און חברים:
נאָר טוט איינער אָן עוולה מיר, רייסט פון מיר ווי לאַווע —
און האָס און סם פילן אָן אַלע מיינע אברים...

פיל מאָל טראָג איך האָס צו מיר, צו זיך אַליין:
גאָט, האָסט מיר געגעבן וויזיע און פאַרשטאַנד!
מיט טיפן בליק, מיט אויער שאַרף, מיט מוח קלאָר —
נאָר ס'האָט אין מיר פאַרקרימט אַ שרייפל, וואו דיין האַנט...

אָט שטייט פאַר די אויגן אַ האַלבן יאָרהונדערט

איך האָב אין מיין האַרצן אַ דימענט געפונען,
אַ קלאָר־ווייסן שטיין גאָר אַ זעלטענע זאַך.
איך האָב זיך צו שלייפן אים ערנסט גענומען,
געצייג דערצו האָב איך געדאַרפט דאַן קיין סך...

מיין טישל אַ ווערקשטאַט, מיין פעדער אַ שלייפגעצייג
ביים פלאַם פון אַ ליכטל, אין אַ צימערל קליין,
פלעג איך שלייפן און פיילן און מעסטן די שניטן—
דעם פאַפיר פלעגט מיר ווייזן צי די שלייפונג איז ריין...

אַזוי פלעג איך נעכט, נאָך שווערע טעג אַרבעט,
זיצן אין איינזאַמקייט, מיט זיך גאָר אַליין,
ביים ווינקל צום וואַנט אויף מיין אייזערנער בעטל—
לייענען די לידער— פאַר פרייד מיט געוויין.

אין יעטווידן ליד איז מיין לעבן געפלאָכטן,
אין יעטווידן קלאַנג האָט געאייטערט אַ וואונד!
אַ כריפען אין ברוסט האָט געוואָרגן די לידער,
ווי דער עלנט מיט מיר וואָלט געשלאָסן אַ בונד!...

אין האַלוצינאַציע געוועבט, האָט זכרון
די ווערטער, די קלאַנגען, ווי זאַפטשטאַרקער וויין:
אָט שטייט פאַר די אויגן אַ האַלבער יאָרהונדערט—
ווי אַ חלום פון לאַנג שוין, זע איך דאָס לעבן איצט מיין...

געשריבן אין 1910, באַאַרבעט אין 1942.

איך בין פאַרטרונקען מיט סם

ווער האָט פאַרסמט מיר מיין לעבן?
די וועגן מיט צאַמען פאַרשטעלט?
אין זייד האָב מיין צוקונפט געוועבן—
אַ ליכטיקע, אַ גליקלעכע וועלט!

ווער האָט אין מיר האַס אַנגעגאָסן?
אין יעדן געריכט, אין געטראַנק!
קיין גליקלעכן טאָג ניט גענאָסן,
מיט ביטערן גאַל מיין געזאַנג.

וואָס טויג מיר די גאָלדענע טעלער?
דאָס עסן, עס האָט ניט קיין טעם;
מיט ווין גוטן — פול איז מיין קעלער,
נאָר איך בין פאַרטרונקען מיט סם!.

צו דער וועלט

קלמן מרמרן

דו האָסט פון מיר גענומען יאָרן,
ניט פאַר זיי עס טוט מיר וויי;
אוצרות האָב איך דאָך פאַרלאָרן,
שווער שוין צו געפינען זיי...

איך האָב געהאַט אַ גאָרטן בלומען,
רייך אין פאַרבן, מערסטע רויט...
אין באַנגע שעה'ען פלעג איך קומען —
זינגען דאָרט פון מיין נויט...

ווען שווערע וואָלקנס פלעגן דריקן,
איז מיין אומעט דאָרט פאַרביי

דורך אַלייען ווי אויף בריקן,
האָט מיין טראָט געשפּאַנט דורך זיי.

קוקן פלעג איך צו די ווייטן,
זוכן פון מיין טרוים — די וועלט,
וואו מען הערט ניט שווערע צייטן:
קיינער זאָגט ניט, ברויט אים פעלט.

דו האָסט פון מיר גענומען יאָרן,
צערונען איז דאָס בלויע ליכט;
פאַרבליבן ביזטו אין זכרון —
עלנט ליגט אויף מיין געזיכט...

צו מאָרגן

יוסף ראָלניקן

קוק איך נאָכאַמאָל אין ווייטן צו די מאָרגנס,
צי וועט אָן וואָלקנס זיין, דער נייער טאָג;
מער דאָס פּנים ניט באַדעקן מיר מיט זאָרגנס
און ניט באַפעלצן מיר מיט שווערע וואָג.

כאָטש אַ טאָג אַ נייער שטייט מיר פאַר די אויגן,
ווערט ניט לייכטער מיר די לאַסט אַצינד;
דער הימל אין פאַרבן, ווי אַ רעגנבויגן,
מאַכט מיר גרינגער כאָטש צו גיין אין ווינט.

ביז מיין חלום, כ'וועל דערזען, וואו אין הימל
און ברענגען וועט מיר פרייד צוריק מיין בליק;
וועל איך פון קיין בייז ניט שרעקן זיך אין דרימל,
ווי שווער ס'זאָל זיין פאַר מיר דער וועג צו גליק.

נאַכט מאָטיוון

1.

ערשט ניט לאַנג די זון אַרונטער,
רויט דער זוים איז נאָך פון הימל,
ווי די בעקלעך פון אַ כלה,
פון אַ זיסן חלום דרימל.

ביסלעך רוקט זיך די לבנה,
ווי פון אַ געלזוכט אַ צעקריינקטע,
ווי אַ קראַנקע יונגע מיידל—
נאָך דעם לעבן אַ פאַרביינקטע...

2.

טונקל־בלאָ, געמישט צוזאַמען
און דער אָונט פול מיט קלאַנגען;
אויפגעכאַפּט האָט אַלץ דער ווינטל,
אין אַ ריטמישן געזאַנגען.

און אַ וואונדער קאָמפּאָזיציע
האָט דאָס ווינטעלע צעטראָגן,
זילבער לאַכן פון די מיידלעך,
ווי פון ליבע הערצער נאָגן...

3.

ווי אַ קרוין, פול מיט בריליאַנטן,
הענגט דער הימל, פול מיט שטערן,
אויף דער ערד, וואָס גייט באַלד שלאָפן,
אין לוזיאַנען וועלט פון דרימל.

ווי אַ מוטער, מיט געזאַנגען,
וויגט די קינדער איינעט אירע,
זינגען איצטער אויך די פויגל,
פאַר דער וועלט אַ קריאת־שמע שירה.

און דאָס טייכל מורמלט אונטער,
און די זשאַבעס קוואַקען קוואַ קוואַ!
און דער ווינטל לויפט און שושקעט,
ווי אַ שלאָף־ליד, שאַ, שאַ, שאַ, שאַ!...

ר׳ ווּעלוול מלמד

(לעגענדע)

האָט פאַרצווייפלט דער אָרימער מלמד, ר׳ ווּעלוול,
אין אַ שטילן, קאַלטן, פרייטיק פרימאָרגן
געגאַנגען אין שול מיט טלית און תפילין:
וואו נעמט מען אויף שבת? עס מאַטערט די זאָרגן!

וואו קריגט מען, רבונו, אָ, הייליקער טאַטע,
דיין הייליקער שבת, גאָט, דאָרט אין הימל
אַוועק איז די וואָך, אין הונגער און לײדן.
יעדן טאָג אין מיין לעבן בענטש איך מיר גומל...

זאָג, גאָט, וואָרים קומט מיר אין נויט אַזוי לעבן?
האָב איך ווּעמען פאַרשעמט, האָב איך ווּעמען באַליידיקט?
ביי קיינעם געבעטלט, געהאָפט ווּעסט מיר העלפן —
האָב מיט דער שכינה—פאַרקנסט זיך אויף אייביק.

איך לערן דיין תורה מיט אָרעמע קינדער,
צו גיין אין די דרכים פון דיינע געבאָטן;
איך ברענג זיי צו טרינקען פון גאָט'ס ריינע קוואַלן—
און לערן זיי חכמה אונטער דיין שאָטן...

היינט איז דאָך פרייטיק, ביינאַכט ווערט דאָך שבת,
קיין פיש און קיין פלייש, קיין חלה נישטאָ;
ליידיק דער טיש איז, קיין ליכט ווּעט ניט ברענען—
גאָטעניו, לאָז ניט איבער מיך אין דער ביטערער שעה...

אל מלא רחמים, מיין ווייב, מיינע קינדער,
זיי האָבן בטחון, ווי איך האָב אין דיר.
אַזוי גייט און רעדט, ר׳ ווּעלוול מלמד:—
נאָר פלוצים פאַר די אויגן — אַ שיין טוט אַפיר:

בלייבט שטיין ווי פאַרגליווערט ,ר׳ ווּעלוול, מיט אויגן
פאַרוואונדערט — אַ גאָלדערנער רענדל ליגט פאַר די פיס!
מיט ציטערדיקע פינגער, עס הויבט אויף דאָס רענדל:
היינט, גאָט, ווּעט מער לייכטן פאַר דיר שבת מיין טיש!...

ביי קבלת שבת, אין שול, זוכט ר׳ וועלוול — אַ בחור,
אַ בן־תורה, וואָס זאָל באַשיינען זיין היינטיקן שבת;
ס׳איז מיט כל־טוב דאָרט דער טיש אַ באַדעקטער—
און דאָס גלויבן אין גאָט איז ער מערער מחדש...

פרידן — 1945

געגריסט זיי סעפטעמבער, 1945, דו ערשטער:
געגריסט זייט, אַ, יעדער, וואָס לעבט אויף דער וועלט;
געגריסט זייט, טייערע, ברידער און שוועסטער,
דער הימל מיט בלויקייט, זון שיינט היינט און העלט!

פריידט זיך היינט אַלטע, יונגע און קינדער;
די וועלט איז אין פרידן, די לופט זינגט מיט פרייד!
עס גיסן זיך טרערן, אין האַרצן ווערט לינדער;
וואו נעמט מען דעם כוח, פאַרגעסן דאָס לייד?

עס מישט זיך געדאַנקען, אין מוח פאַרשידן,
קויטיק די ערד איז פון מענטשלעכן בלוט;
עס גלייכט זיך דער רוקן, פון וואָגלער דעם מידן,
צעבראָכן די קייטן, פון גבורה, פון קנוט...

זינגט חיות אין דזשאָנגל, זינגט פויגל אין לופטן,
שווימט פישן אין ימ׳ען, פריי אומגעשטערט;
פרוכטן און בלומען, צעשפרייט אייערע דופטן:—
מזל־טוב, קראַנקע וועלט, מזל־טוב, פרייע ערד!...

עס שטומט דער קנאַל, פון דונער, פון קאַנאָן,
מען הערט קיין קרעכץ, פון גוסס־וויי, פון טויט;
שוין גרייט זיך וועלט, צו בויען און צו טאָן —
אין פרייע וועגן טרעטן איז מען גרייט...

פרייט זיך, טאַטעס, מאַמעס, כלות, ווייבער;
פרייט זיך, וועלכע צו לעבן איך באַשערט.
און אויף חורבות, אַש פון אידיש־לייבער—
ניט פאַרגעסן קענען וועט די וועלט, איר הערט?!...

סעפט., 1945

שבת, 29־טן נאָוועמבער, 1947

(ווען „יו־ען האָט געשטימט פאַר ארץ־ישראל)

ווי דער ווינט וואַרפט אַ בלאַט פאַרן שטורם,
ווי דער דונער לאָזט בליץ אין פאַראויס;
ס'האַרץ זיך געקאַרטשעט אין יסורים —
דורך שרעק—די פרייד—ווער ווייסט ?

באַלד וועט מען וועגן דעם שיקזאַל,
צי זאָל וואַנדערער האָבן אַן אָרט ?
צוויי וואָגשאָלן, איינע מיט גאַל—
די צווייטע גיט האָפנונג—אַ וואָרט !...

יאָר־טויזנטער, געטראָגן דורך שטורם,
דורך פייער, בלוט און דורך נאַכט !
לעבט אויף נסים, ווי אין נס־פּורים :
עמעץ באַגלייט אונדז און וואַכט...

היינט ווערט געשריבן געשיכטע...
דער שונא איז ווילד, פאַרשייט !
קען האַלטן וואָג די געוויכטע —
פון טרערן, בלוט, וואָס סע שרייט ?..

ווען ס'האָט דער דונער געשלאָגן
האָט בליץ די אויגן געבלענדט ;
ווי געקומען וואָלט הערלעכער טאָגן—
מיט זון ניי, צום מזרח געווענדט...

געשפּיצט האָט אויער צום ראַדיאָ,
ווי וואַלן געוויגט האָט אין ברוסט :
בין פאַר דיר, גאָט, זיך מתוודה —
האָב דיינע נסים געוואוסט...

שלאָגסט, גלעטסט, ווי אַ טאַטע,
ווען ס'האָט פאַרזינדיקט זיין קינד.
נאָר פאַרוויסט ז'אַ דריטל לעת־עתה —
שמע ישראל, וויי און ווינד...

עס האָט זיך דער הימל געשפּאָלטן,
האָסט אונדזער אויסראָט דערזען.
שיריים, האָט קוים אונדז געגאָלטן—
ראַטעווען פון גאַז, פון ברען...

האָסט זיך דערמאָנט אָן דעם צוזאָג,
לשוב לארץ אבותינו :
גיב גאָט, גיב אונדז אַ רואיק־טאָג —
זיין זאָלן שוין די צרות—אַחרונים !...

ווען איך נעם די פען אין האַנט

ווען איך נעם די פען אין האַנט,
טוט אַ ציִ, אַ ברען אין האַרץ;
בליצט אויף פאַר מיר מיין היים, מיין קאַנט —
אַ טרער פאַרציט, אין אויג ווערט שוואַרץ...

דער מוח ברענט, ווי אין טומאַן,
עס נאָגט אין מיר, אַ צאָרן וועקט;
געפין קיין אָרט, כ'טרעט און שפּאַן —
ווי חיה וואָלט מיין בלוט געלעקט...

ווי האָט געקענט אַזוינס געשען?
האָט דער מענטש זיך ווילד געקערט? —
ז'וועלט־געשיכטע, ז'ביט געווען...
ווארום מיין פאָלק, איז דיר באַשערט?...

אַ וואָגלער זיין, געיאָגט צום טויט,
מיר גיבן וועלט דיר, מוח — קראַפט;
יעזוס ־ מאַרקס, האָבן געשפרייט —
מענטש צו מענטש — ניט זיין פאַרשקלאַפט!...

יעדעס פאָלק וועט פאַרוויסט פאַרגיין —
וואָס האָט פאַרגאָסן יידיש בלוט.—
„טרעבלינקעס"— בלייבט, אַ מצבה־שטיין —
זעקס מיליאָן קדושים דאָרטן רוט!...

מיינע טרוימען

מיינע טרוימען שוועבן ווי די טויבן,
טויבן ווייסע פאַר די אויגן,
זיינען טויבן הויך צעפלויגן —
בלענדט די ווייסקייט דורך די שויבן.

חלום ווייטער פון מיין לעבן,
פון מיין פרילינג, אַ האַלב יאָרהונדערט!
גוט איז מיר חלומות וועבן:
ווערן ווי אַ קינד באַוואונדערט.

אַ בריוו פון סאָוועטנלאַנד

האָב אַ בריוו היינט געקראָגן, מיט פלעקן פון טרערן,
יעדער אות איז ווי אַ קללה דורך די שורות זיך הערן;
ווי דער זיפץ פון דעם ווינט, דורך די חורבות־געוויטער,
ווי דאָס געוויין פון די שאָף, פאַר די וועלף מיט אַ ציטער...

זון מיין, אונדזער לאַנד, דער פיינט האָט פאַרוויסטעט;
די שטוב, די שטאַל, און דעם סאָד אויסגעמיסטעט...
די שטאַמען, די וואָרצלען פון גרונט אויסגעריסן —
פאַרניכטעט, פאַרברענט, אָן רחמנות־געוויסן...

געקוילעט, געשענדעט, האַלב מיט לעבן באַגראָבן;
דאַנק גאָט, פאַר דיין לעבן, איין זון דאָך מיר האָבן.
נאָר וויסן זיי, זון מיינער, מיר גייען אַקעגן:
מיט אייזנס, מיט העק, מיט מעסערס, מיט זעגן!

מיר גייען ניט מער צו דער שחיטה, ווי רינדער—
פאַרטיזאַנען מיר זיינען — ווייבער און קינדער;
מיר נעמען נקמה, מיר גייען אין פייער:—
מיר מאָנען דעם חוב, און זיי צאָלן גאָר טייער!...
מיר וואַרפן אַקעגן, זיי שרעק אין די אויגן;
מיר וועלן די סוואַסטיקא אין סערפּ און האַמער אויסבויגן!...
1943

איך — דער נאַכטיגאַל

איך וויס, ווען נאַכט דעקט איין דעם טאָג און פינצטער דריקט,
רעגט אין מיר דער אומרו פון בין־השמשות רויט.
דאַן פיל איך, ווי דער שאָטן פון דער נאַכט מיך שטיקט —
מיט שווערע טריט, לאַנגזאַם, זיכער, טרעט־צו צו מיר דער טויט...

כ'וויס, אַזוי וועט זיין די לעצטע שעה פון מיין טאָג דעם העלן,
ווי אַ מאָנסטער דריקט מיין ברוסט, קורצט מיין אָטעם מיר.
ס'קלאָגט דער קלאַנג פון נאַכטיגאַל די טרעלן —
איך, דער נאַכטיגאַל — ביידע זינגען לעצטן שיר...

איך הער אַ שטימע

נאָך ניט האָט דאָס בלוט זיך אויסגעװעפּט
און װידער טריפן טרערן רויטע;
מאַרס דורשט נאָך בלוט איז ניט אויסגעשעפּט —
ער שפּרייט מיט װאונדן און מיט טויטע...

יאָר ניינצן הונדערט זיבן־און־פערציק,
ברענגט האָפענונג דעם מענטשן—פרידן;
די װעלט איז מיד און גאַרט דאָך הערציק:
אויך אַ פרייען אָטעם פאַר דעם יידן...

אונדזער בלוט איז טויזנטפאַכיק אויסגערונען,
אונדזער קלאָג טראָגט, װי דונער דורכן לופט —
און קינד און מוטערס װיי איז דורכגעשפּונען,
עס ברומט דער הימל, נקמה־רופט!...

איך הער װי ס׳װאָלט אַ שטימע צו מיר זאָגן:
„ישראל, קינד מיינס, מיין געפּלאָגטעס קינד:
דיין בלוט און טרערן האָב איך אַדורכגעװאָגן,
זיי װעגן מער שוין װי דיינע זינד...

אַ נייע ערד װעל איך פאַר דיר איצט לייגן,
זון און ליכט און אַ בלאָען טאָגן;
פאַר אייביק אויפהענגען דעם רעגנבויגן
און אויפן של־ראש: מיין צוזאָג טראָגן!...״

גערעכטיקייט

גערעכטיקייט, עס האָט דיך מאַכט געבונדן,
קייטן שװערע, װעגט אַרונטער:—גייסט מיט מוט!
דיין פאַקל־פלאַם האָסטו פאַר אייביק אָנגעצונדן:———
שרעקט ניט תפיסה, ניט קיין מאַטער, ניט קיין קנוט!

הויך און שטאָלץ װעט אייביק שיינען װייט דיין ליכט—
פאַר די פעלקער אונטערדריקטע און פאַרקנעכט;
מיט דיין גלויבן איז דער יאָך ניט שװער געװיכט———
װעסט אונדז ברענגען זון אין מאָרגן—פאַר שװאַרצע נעכט...

זע, דער נאַצי גראָבט צוויי גריבער

ניט וויין מיין קינד, ניט וויין מיין קליינער,
ס'איז האַרט דאָס ברויט ווי ביין.
ס'איז ניט שטאַרק נאָך דיינע ציינער,
מילך איז נאָך אין דיינע ציין.

כ'קען ניט העלפן, ס'איז דאָס לעצטע,
ס'איז גרינגער זיין אַ מויז;
אַ מויז, דאָס עסן, זוכט עס, קראַצט עס,
זיין היים, אַ לאָך, אַ הויז.

און מיר ליגן דאָ און פוילן,
באַהאַלטן זיך פון טויט;
שרעק באַפאַלט אונדז, פול מיט גרוילן,
ווען אַ נאַצי גייט!...

וויין ניט, קינד מיינס, טראָג אַריבער,
זויג דאָס האַרטע ברויט;
כ'זע דער נאַצי גראָבט דאָרט גריבער:
עס וואַרט אויף אונדז דער טויט!...

1942

ווי-זשע קען איך איצטער זינגען

זעסט עס רייכט זיך די נאַטור?
זעסט עס גרינט דער וואַלד?
רויזן קוויטן פילע שפּראָצן—
און פאַרשפּרייטן זיך דאָרט באַלד.

ווי־זשע קען איך איצטער זינגען,
פון דעם פרילינג פון דעם מאַי,
מעג נאַטור מיט צויבער קלינגען—
מיט מיין פאָלק איך וויין און שריי!...

בלומען רויזן, וואונדער קוויטן,
פון דער זון האָט איר געזויגן;
אייער וואָרצל אין די בייטן,
זויגט דעם זאַפט פון קינדער־אויגן...

ס'איז די ערד דאָרט, אָנגעטרונקען—
פון די בלוט פון יידיש לייבער;
טיפער, טיפער, איז געזונקען,
שאַנד און קרעכץ, פון יידיש־ווייבער...

בלומען, רויזן, בלוט פון יידן,
גיט אַרויס פון אייך דעם ריח:
אייביק, וועט די ערד דאָרט זידן
און פאַרסמען מענטשנס מוח...

1943

וואָלט גאָט ניט צעטיילט

איך טראָג אויף מיין פּלייצע דעם יאָך פון דער צייט
און וואַנדער און וואַנדער שוין טויזנטער יאָרן;
די חרטה פון קין, גייט נאָך מיר און שרייט: —
פאַרגיב מיר, מיין ברודער, מיין רו האָב פאַרלאָרן.

וואָלט גאָט ניט צעטיילט דאָן, אויף דיינע און מיינע,
וואָלט די ערד פריי געווען פאַר דיר און פאַר מיר;
מיין ערד, אָט־די גרינע; די שעפּסעלעך, דיינע —
די זון וואָלט געשיינט גלייך פאַר מיר און פאַר דיר.

אַזוי וועט די וועלט ניט אויסלעבן אין פרידן:
די מיינע, מוז גיין, וואָס באַהערשט איצט די ערד.
פאַרשווינדן דער האַס זאָל פון גוי צו דעם יידן:
פאַרניכטעט וועט ווערן דער ביקס און די שווערד.

1945

עמיץ היט די וועלט און וואַכט

שרעקט די שוואַרצקייט, שרעקט די נאַכט,
ווען וועט טאָג שוין קומען?
ווער געווינען וועט די שלאַכט?
פאַלשקייט מוז אומקומען!

קעמפט די גוטסקייט, קעגן שלעכט,
ווער פון זיי וועט זיגן?
שטייט שטאַרק אמת, פאַלשקייט ברעכט —
אמת קעגן ליגן!...

ליכט מוז שניידן דיקסטע נאַכט —
זון וועט שטראַלן געבן;
עמיץ היט די וועלט און וואַכט: —
אויף איר זאָל אייביק לעבן...

שפּרינגט אַרום אַ קלײן נשמה׳לע

שפּרינגט אַרום אַ קלײן נשמה׳לע,
אויף בערג פון בײנער און סקעלעטן,
זי רופט מיט טרערן: מאַמע, מאַמעשי,
ענטפער, מאַמעשי — זי טוט זיך בעטן.

קרעכצן בײנער, זיפצן סקעלעטן,
װאָס זוכסטו דאָ, מײן קלײן נשמה׳לע?
עס זיפצט אַרויס פון מאַמעס בײנדעלעך:
אָ, װײ, מיר פאַר דיר, מײן נחמה׳לע.

װײן ניט, װײן ניט, מײן קינד, נשמה׳לע,
בײם זײט מיר ליגן דײנע בײנדעלעך:
בײנדעלעך, נאָר אַש, פון װינט צעפּאַלן זײ,
װי פּערעלעך, צעשאָטן, ליגן דײנע צײנדעלעך...

מאַמעס, טאַטעס, אויסגעטערערנטע,
צומישט דײן אַש, מיט מײן, נשמה׳לע.
צומישט מיט אַנדערע קדושים־קינדערלעך,
ברעקעלעך, אומשולדיקע, ערשט פון די װינדעלעך...

טריקן אָפּ די טרערן, מײן נשמה׳לע,
מיר װעלן טרעפן זיך, צום שונא׳ס ראַכע־טאָג;
עס װעט דײן מאַמע, ברידער, שװעסטערלעך:
טאַנצן, פרײען זיך, אויף שונא׳ס פאַלן־קלאָג...

1943

אין דעם װינט

איך בין אַ שפּענדל אין דעם װינט,
װיל מיך שטורעם נאָר פאַרניכטן,
טראָג איך אויף זיך שװערע זינד?
נאָך אַזוי פיל שטראָף געװיכטן?

קײנעם האָב איך ניט באַרירט,
יענעם פרײד נאָך צוגעגעבן;
כאָטש אַלײן כ׳האָב נויט געשפּירט —
אין מײן עלנט שטילן לעבן.

אַ יידישע טאָכטער אין דייטשלאַנד

שלייכט דורך די שטילקייט, ס'איז אַ לבנה־נאַכט.
שרה'קע, די יידישע טאָכטער פון קיינעם באַוואַכט.
די ליכטיקע שטערן באַצירן איר קאָפּ,
די אויגן פאַרגלעזערט, צעוואָרפן איר צאָפּ...

דעם זעכצנטן פסח, איז שרה'קע היינט אַלט,
דערוויסן איר אומגליק איר מאַמע וועט באַלד;
עס קרויזלט אין מוח, געדאַנקען ווי רויך,
ווי קנוילן שוואַרצע, מוטנע און בלייך...

זי קען ניט געפינען דעם שנור פון געדאַנק —
ווי אַ מעסער, עס שניידט אין איר מוח־ געדראַנג;
שלייכט שרה'קע, אין שטילקייט, פון איר שאָטן געפירט,
אָן כוח איר קערפּער, איר מוח געררירט!

די העלדן פון היטלער, פון העכערער ראַס,
צעטראָטן אַ בלימל פון יידישער גאַס;
באַקוויקט פון איר שיינקייט, פון פאַרב און איר דופט,
פאַרצווייפלט אַ מאַמע, איר שרה'קעלע רופט!...

1939

זוך איך קלאַנגען נייע הערן

ס'טראָגט די צייט מיך אויפן רוקן —
און הייסט מיך נאָכגיין ווי אַ נאַר!
פאַרן גאָלד־געץ זאָל זיך בוקן
וועל איך עסן זאַט דערפאַר...

וויל איך ניט קיין אייזל ווערן,
שטויס איך צייט פון מיר אַוועק;
זוך איך נייע קלאַנגען הערן —
טרינקען לעבן ביזן דעק...

עפּעס האָט אין האַרץ ביי מיר אַ ברי געטאָן...

1.

עפּעס מאָדנע האָט אין האַרץ ביי מיר אַ ברי געטאָן,
ווען איך האָב דיך, אויף מיין איינזאַם וועג באַגעגנט;
איך האָב איינגעשטעלט פאַר דיר מיין אַלץ אין קאָן,
מיט מיינע בעסטע פריינט האָב איך זיך אָפּגעזעגנט.
איצט, האָסטו, פאַרכאַפּט, מיין גאַנצן מיך, פאַר זיך אַליין
און טעמפּ און ווילנלאָז, מיין לעבן — מיר געמאַכט — — —
און וואו איך גיי און וואו איך וויל נאָר גיין,
פיל איך זיך, אומעטום, ווי פון דיין בליק באַוואַכט...
האַלסט אַ דינעם וועב, אויף מיר, אַרום ווייט אויסגעשפּרייט
און שטאַרקער איז דיין וועב, ווי פון די גרעבסטע קייט;
און האַלסט מיך צוגעשמידט, ניט ווילנדיק, צו דיר.
און וועסטו האַלטן ווייטער מיך, אין שקלאַפעריי אַזוי ?
וועט איינער מוזן אָפּטרעטן, איינער פון אונדז צוויי
און בעסער אויך און ערלעכער, וועט זיין פאַר דיר און מיר...

2.

זיי אַ חברטע, צו מיר — אַ פריינט !
שטויב אָפּ דעם שטויב פון זיך און קום מיט נייע טריט;
פאַרגעס דעם נעכטן, קוק קלאָר אַריין אין היינט —
ס'איז נאָך פלאַץ און צייט, פאַר דיר, צו גיין נאָך מיט מיר מיט...
ווייט און ברייט, זיך שפּרייטן האָריזאָנטן,
כאָטש כמאַרנע איז דער הימל נאָך, דאָך לויטערקייט איך זע !
ווילסטו גיין מיט מיר? זאָלסטו זיך דערנענטערן —
אין נייעם וועג, אין נייעם קאַמף, זייט ביי זייט — אַ חברטע...

אַ צעריסענע נשמה

חלום מיינער, האָסט מיך אָפּגענאַרט,
האָסט הימלען מיר בלוי אָן וואָלקנס
מיט פּורפּור־זוימען אויסגעמאָלן;
און אַ לבנה — הוילע גינגאָלד,
מיט אַ מאַט־פאַרטראַכטן צויבער —
שטערן — פינקלענדע דימאַנטן...

ס'איז מיין הימל פול מיט וואָלקנס,
ניט קיין פּורפּור — בלוט עס רינען!...
ס'איז מיין הימל פרעמד לבנה,
ס'איז מיין חלום, אויסגערונען...
וואַנדער איך אַזוי פאַרלאָרן —
אַ צעריסענע נשמה...

פשוטע ווערטער

משה כץ'ן

ניט קיין פלאַם בין איך, וואָס קען פאַרברענען אַ וועלט,
נאָר אַ ליכט, וואָס קען אַ ווינקל באַלייכטן;
צינד איך די ליכט אָן, ווער איך אַליין אויך באַהעלט —
פון די שטראַלן צעשאָטענע — רייכטונג...

קלאָר איז מיין וועג, גלייך איז מיין גאַנג,
רייד איך, קומט עס פון אין זיך פון טיפן;
צום פאָלק־מענטש, צום פראַצער, צו אים מיין געזאַנג —
פאַר אים שניר איך די פערל פון הארצן, וואָס טריפן...

איך זוך ניט קיין שיינקייט, דער אמת איז שענער,
איך וויל זיך אַליין ניט אין טרוימען פאַרוויגן,
איך וויל זיך ניט מאַכן, אַ ווייסער, אַ קענער—
מיט קלאַנגען, מיט ווערטער, דעם אמת באַטריגן...

פשוטע ווערטער וועלן קיינמאָל ניט פאַרשווינדן,
ווייל די מאַמע, זי רעדט מיט דעם לשון;
קלוג פירט דאָס לעבן, ווייל ווי קומט פון וואונדן—
נאַטירלעכע ליכט — וועט קיינמאָל ניט אויסלעשן...

וויל — ווערט באַזיצן

דעם פאַקל צינד־אָן,
באַלייכט די נאַכט!
הויב אויף די פאָן
אַקעגן מאַכט.

אַקעגן שטורעם,
מיט מוט, אָן שרעק!
צינד אָן אין טורעם —
באַלייכט דיין וועג...

הויב אויף דעם אָרעם
און בייל די פויסט;
צעברעך די קברים —
פון קירך רייס אויס...

רעגן און בליצן
ניט צאַמען זאָל וועג.
וויל! — ווערט באַזיצן
ליכטיקע טעג!...

אַ ליכטיקער מאָרגן זיך וועבט

בליי האָט דער הימל געגאָסן,
און בלוט האָט פאַרשוואוינקען די גאַס;
אַ בליץ האָט די נאַכט דורכגעשניטן,
דער דונער געקייכט האָט מיט האַס.

אַ ברודער, אַ ברודער דערהרגעט;
אַ פאָטער, דערמאָרדעט זיין זון;
אַ ברודער, געשענדט האָט זיין שוועסטער
און ניט איינער עס ווייסט גאָר דערפון.

דער מענטש, איז פאַרבלענדט, אָן אַ זינען,
אין מוח אַ חיה גאָר לעבט;
נאָר, ס'ברעכט זיך די פינסטערע נאַכט שוין,
אַ ליכטיקער מאָרגן זיך וועבט!...

1944

ליידיק ווערט אונדזער וואַלד

(אַלטע שרייבער שטאַרבן אויס, יונגע קומען ניט צו)

ליידיק ווערט אונדזער וואַלד,
יונג שפּראָצונג קומט ניט צו;
דער אַכזר, די צייט, וועט באַלד
שיקן נאָך צו אַייביקע רו!...

מיר מוזן פלאַנצן אַ יונגן וואַלד,
אונדזער פעלד, ווערט טרוקן און לער:
פרילינג מיר דאַרפן, דער ווינטער איז קאַלט —
אָן יוגנט צו לעבן איז שווער...

מען קען אונדז פאַרטיליקן ניט,
די אויגן מוזן שטיין אויף דער וואַך;
פעסט, און מיט איינגעשפאַרט געמיט,
אונדזער אַלטע הויז, דאַרפן אַ יונגן דאַך!...

קאַליפאָרניע*

ס'איז אימער געווען דאָ זון און לינד;
איצט שניי, רעגן און ווינט.
ס'האָט געבליט יאָר־אויס — בלומען און ראָזן;
איצט זיבעציק מייל דער ווינט טוט בלאָזן.

די ערד איז גרין געווען, יאַנואַר מיט גראָזן;
איצט וויסט און פאַרוויאַנעט און אַלעס פאַרלאָזן.
ביימער האָבן נאָר וואָס געטראָגן, בליאונג מיט פּרוכטן;
איצט, הויל, אָן בלעטער, ווי גאָט וואָלט פאַרפלוכטן.

דער הימל איז דאָ אימער געווען אָן אַ פּינטל — בלוי;
איצט ווי בליי, הענגען וואָלקנס דיק און גרוי.
כורעים, צו דער ערד, ליגט מיין גאָרטן דער שיינער,
וואָס איך האָב געפלאַנצט דאָ, איז געבליבן ניט איינער.

די בלומען גאַלאַנדרעס, „הייביסקאָס", טראָפּישע ביימער,
דער פראָסט האָט צעכראָמטשעט, ווי אַ הונט ווייכע ביינער.
דאָס זוניקע קאַליפאָרניע וועט לאַנג דאָס געדענקען;
ס'וועט ווידער בליען, גאָט וועט ווידער שיינקייט שענקען!

אַ הימל בלוי, אַ וואַרעם זון און אַלעס גרין,
און אין פרישן בליאונג וועלן פייגל זינגען און זשומען וועט די בין...

---

*) 1949 אין קאַליפאָרניע איז ניט געווען אַזאַ קאַלטער פאַר פולע 100 יאָר.

אין יוגנט געפינסטו נאָר גליק

עס גייען מיר נאָך מיינע יאָרן,
לאָכן אַריין מיר אין פּנים.
די שלייפן שוין גראָע געוואָרן —
זיי זיינען מיר אייגענע שונאים...

קענסטו ס'לייב דיר צערייסן?
די צייט דרייען צוריק?
קענסט אין שניי־בלומען זייען?
אין יוגנט געפינסטו נאָר גליק...

אצבע אלהים

די נאַכט, די מוטער פון דעם מידן;
די נאַכט, באַהאַלטונגס־ווינקל פון דעם יידן,
די נאַכט!
די חיה, ווערט ניט געיאָגט, אַזוי פאַרפאָלגט,
אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט: ווי קאָן דאָס זיין געמאָלט?
באַטראַכט!
אײן ווילדער הונט, און אַכציק מיליאָן טוען נאָך אים;
און אפשר איז דאָס אצבע אלהים?
ווער ווייסט?
ווער ווייסט זיין וועג, וואָס פירט דעם אוניוועדס?
קאָמעטן, פּלאַנעטן, שטערן קליין און גרויס,
ווי קינדער אין זיין שויס.

און אפשר קומט דער קץ? משיח־צייט!
די ערד איז רויט, דאָס יידיש פאָלק צום הימל שרייט:
וואו ביזטו גאָט?
האָסט געהיט אונדז טויזנט־יאָרן לאַנג;
פון פרעה'ס, המן'ס, און נאָך, פון אונטערגאַנג.
וואו איז דיין געבאָט?
מיר זיינען נאָך דער שעיר לעזאזל פון דער וועלט ———
אין איין פּאָר יאָר, פון אונדז אַ דריטל פעלט:
פון שונא'ס הענט!

און אפשר, אפשר, האָסטו געוואָלט אַזוי!
די טרערן פון אונדזער פאָלק, זאָל זיין ווי טוי,
איעדן טאָג...
נאָר זאָג, גאָט, וועמעס תפילה האָסטו צוגעהערט?
פון דער גוטער פרוי, פון פאַרשקלאַפטן מאַן, צי איז באַשערט
די זנות קלאָג?...

דער שונא ליגט צעטראָטן, אין קייטן געשמידט;
ווי צו יענעם, וואָס פאַרנעמט זיך פאַרניכטן דעם ייד;
דעם יידנס געוויין!...
המן, פרעה, טאָרקוואַמאַדאַ, פילע נאָך פון זיי

און איצט דער גרעסטער פון זיי אַלע: היטלער ימח שמו,
וועט אויך פאַרגעסן גיין!
און עם־ישראל, וועט אייביק לעבן, שטיין!...

ניו־יאָרק, 1945

דריי לידער

1.

כ׳בין אַ האַלב־יאָרהונדערט אַלט.
מיין געדאַנק מיר קיינמאָל פאַלט,
אַז כ׳בין אַן אָפּגעלעבטער בוים —
און נער מיין חי פון יוגנט קוים...

העי, יוגנט, כ׳בין פאַרטיק פאַר געוועט,
אַז ס׳טראָגט געוויכט מער מיינע טרעט:
כ׳טו אַרבעט פאַר דריי און פיר,
קען ליבן מער פון איך דאַפיר...

2.

שלאָפלאָזע נעכט.
עס וויברירט אין מיר:
צי טריי זיין איז רעכט,
ווען יוגנט שטייט ביי דיין טיר?

ווינטער און שניי,
צעגייט אונטער זון:
איך אויך אָט אַזוי
פון יונג—לייב—און דערפון...

3.

דו ווערסט ניט אַלט? מען זאָגט צו מיר.
דיין בליק איז שאַרף, דיין בליק איז יונג.
דיין טראָט איז פעסט, און פלינק דיין ריר,
און שאַרף דיין וואָרט, איז אויף דיין צונג.

צי דענקסטו לעבן, הויך און אַלט,
צו שטורעמדיק פאַר יאָרן דיין;
דער שטאַרקסטער בוים פאַר דונער פאַלט —
די זון ביינאַכט פאַרלירט איר שיין...

דער ממזר
(סאָנעטן)

1.

ניט פון רבנים, ניט פון עשירים, ניט פון שול־יידן, ניט פון כלי־קודש. —
מיין העלד קומט פון נויט, געוואַלגערט אין שמוץ, געשלאָפן אויף דער ערד,
זיין נאָמען איז זיסל, זיין מאַמע איז אַ קרומע, פלעגט בעטן נדבות סוף־חודש —
נאָר אין שטאָט גערעדט האָט מען, אַז אַ ניט־גוטער איז איר באַשערטער...

אין שטאָט ה. איז פאַראַן אַ רוי, אויף בערג און טאָלן הייזלעך טשייען,
הייזער אָן שויבן, קרומע ווענט, און טירן קרעכצן, ווי פון ווייטאָג.
אין אַ חורבה געלעבט האָט שימקע די קרומע, איינע אַליין:
אַז זי לעבט מיט ניט־גוטע — איז געגאַנגען דער זאָג!...

איינער געשוואָרן, מיט זיינע אויגן געזען האָט טאַנצן דאָרט לעמער,
און מענטשן מיט ציטערנדע ליפן דערציילן, מיט אויגן פאַרגלאָצטע:
זיי האָבן בפירוש געהערט, געהערט דאָרט געזאַנגען און שפּילן כלי־זמר...
אַזוי איז געגאַנגען פון מויל צו אַ צווייטן: איינער דעם צווייטן שטייגט איבער,
אַזוי איז געבאָרן אָן חופה־וקדושין — מען רופט אים: „זיסל דער ממזר"! —
אַזוי פלעגט דער ממזר נאָכגיין דעם מאַמען, קלייבן נדבות אין שטיבער..

2.

שוין פינף יאָר, אַ בלאַסער, נאָרביינער און אויגן צוויי גרויסע
האָט שימקע די קרומע געהאַלטן דעם יינגל, געצערטלט זיין קעפּל:
איך בעט אייך, „רב־רבי," גערעדט האָט זי ווידער, מיט טרערן הייסע
קושט זי דעם יינגל זיין שטערן און גיט אים חלה מיט עפּל.

פאַרלאָזן דעם חדר האָט שימקע מיט אויגן פול שרעק. אַ פאַרבענקטע,
איר האַרץ האָט גענאָגט, וואָס איר קינד וועט דאָ אויסשטיין.
אַ מאַמע, איר קינד, ס'איז איר האַרץ, ס'טוט וויי, אַ צעקרענקטע —
זי מאָלט אין פאַנטאַזיע, אָט זעט זי זיך דאָרטן, און ער אַזוי שיין!...

ער גיט אַ נדבה, אַ שיינע נדבה! און זי קוקט אַ פאַרבענקטע צו אים.
ער זיגלט די טיר צו. די בלוטן אין איר קאָכן אַזוי ווי אַ חלום.
זי פילט ווי אין הימל, פילט פאַרגעניגן, און ליב רעדט זיין שטים.
שפּעט אין דער נאַכט דאַן האָט זי זיין וואוינונג פאַרלאָזן,
אין האַרצן געגלעט האָבן זיסע געפילן — פאַרלאַנגען —
זי פילט נאָך זיין אָטעם, ווי אַ ריח פון בלומען וואָלט בלאָזן.

3.

איר קינד פרעגט אַמאָל: האָב איך אויך אַ טאַטן געהאַט?
דאַן דריקט אים די מאַמע די קרומע, צום ברוסט ווי אין קלעם:
אַ קינד מיינס, דיין פּנים, דיין אויסזען, ווי ער אַקוראַט;
אַפילו זיין טיף פון די אויגן, די גערדיכטקייט פון ברעם!

זאָלן זיי רופן דיך ממזר, ניט קלעם זיך מיין קינד,
דו קומסט מיט מיין אייגענעם ווילן, דיין טאַטע איז שפּיגל ווי דו;
אַט הער איך זיין שטימע. מיר זינגט — כ'פיל זיין אָטעם אין ווינט —
ביי טאָג און ביי נאַכט, ס'יערט אין מיר און גיט ניט קיין רו.

ניט דענק פון אים שלעכט, מיין שולד איז ווי זיין,
ער איז געקומען צו מיר, ווי די בין צו אַ בלום...
מיר האָבן געטרונקען פון בעכער פון ליבע, ווי ווין...
און דו ביסט געבליבן מיין זכר פון יענעם גרויס גליק,

וואָס איך טראָג אין מיין בוזעם, הייליק און שטום —
און זעטיק מיין בענקשאַפט, אין דיינע אויגן, זיין בליק...

4.

זיי האָבן פאַרגלייכט זיך, זי זאָל מער זיין שוועל ניט באַטרעטן,
ער האָט איר געגעבן אַ בייטעלע פול מיט מטבעות;
ער האָט איר מיט צערטלעכע ווערטער, מיט גוטסקייט געבעטן,
זי פילט ניט קיין בייזעס, זי טראָגט גאָר צו אים קיין כעס.

אַזוי איז דער יינגל געבוירן געוואָרן, פון מענטשן פאַרשפּיגן,
אין חרובן צימער, פאַרטוליעט, אַ בעט אָן אַ קישן,
אויף שמאַטעס, אַזוי, פלעגט זי שטיל אים פאַרוויגן —
דעם סוד, ווער דער טאַטע, האָט קיינעם געלאָזן ניט וויסן...

זשעדנע דעם קינד איז אַלץ, וויל ער, וואָס קומט פאַר די אויגן
און ס'ציען די פינגער צו אַלץ, וואָס זיי באַרירן.—
זי דערציילט אים אַ גליקלעכע מעשה, איידער זיי שלאָפן זיך לייגן.
זי דערציילט אים אַ מעשה, אַ מעשה פון גליקלעכע צייטן:

פון ברויט ווייסע, פון חלה, פון מילך און פון פלייש —
און פאַר די אויגן פון קינד, ווי האַלוצינאַציע—זעט אַלץ פון ווייטן...

5.

פון דאַן אָן האָט זי שוין מער ניט געזען אים.
אין פאַנטאַזיע זי מאָלט אים אין שלאָפלאָזע נעכט;
עס טוט אַ צופּ, ווען זי הערט וואו אַן ענלעכע שטים —
עס פאַרבן זיך בילדער, אַ קראַנץ פאַר אים פלעכט...

פיל מאָל גייט זי דורך זיין הויז מיט אַ שרעק.
ער האָט דאָך אַ ווייב איצט, פון יחוס זי שטאַמט.
אַזוי שטייט זי און קוקט לאַנג, מיט אַ ברכה גייט זי אַוועק:
זיסע פאַרלאַנגען עס רייצן די בלוטן, עס קאָכט און עס פלאַמט...

זי וויל, אַז פאַרבלייבן זאָל נאַכט יענע אייביק אַ חלום;
ער האָט איר געעפנט די טיר פון איר טראַכט.
איר אַרט ניט, אַז מענטשן פלאַפּלען: זי לעבט מיט טייוואָלים.
זי, אין איר האַרצן, טראָגט אום זיין פּנים אין קינד.

שלייכט זי אַזוי ווי אַ שטן, קוקט אין פענצטער ביינאַכט:—
קוקן אין פּנים דעם טאַטן פון קינד איז קיין זינד...

6.

זי קאָן קיינעם ניט ליבן, זי קאָן נאָר האַסן.
דער פלאַם אין האַרצן פאַרברענט זי אַליין;
זי זעט זיך אין כוואַליקן, ים־טיפן־נאַסן —
אַ ים פול פון ליידן, פון טרערן־געוויין.

אַזוי חלומט זיך שימקען, מיט שלאָפלאָזע אויגן,
זי שלאָפט אין אַ ווייסן, אַ פּוכיקן בעט.
און ער, קלאָר אין ווייסן, האָט צו זיך צוגעצויגן —
און ליבלעך געקושט זי, און צערטלעך געגלעט...

אין מוח איר רוישן, ווי צויבער די ווערטער;
ווי פלאַמיקע, שמערצלעכע, זיסע געפילן:
אומגלויבלעכע האַלוצינאַציע: — אַט קערט ער
זי איבער: זי פילט זיין אָטעם, וואָלט ברילן...

נאָר ס'וואַכט אויף אַ ברויזנדער זיפץ מיט אַ ריס —
אַהין און אַהער, וואַרפן קרום אירע פיס.

7.

און אַז איך בין קרום, האָב איך קיין האַרץ ניט?
צאַפּלט ניט אין ברוסט, קלאַפּט ניט אין דופק?
עס האָט מיין טראַכט, אויך לעבן שוין געבראַכט —
און זאַפטיק איז מיין לייב און זייפיק...

טיף אין מיר, מיט זוימען פול, פול—מיין גוף!
ס׳בענקט מיין גוף, ווי נאָך טוי די בלום,
ווי דער פויגל, מיט אַ שיר, זיין ווייב ער רופט —
און זי, מיט אַ סאָפּראַנאָ־שיר, ענטפערט: קום!...

אַלעס, אַלעס, לעבט; יעדער האָט זיין פּאָר.
יעדע חיה, פיש אין וואַסער, גראָז און בלום;
איך, איינזאַם, איינגעצוירעט, מיט מיין בענקשאַפט נאַר—
מיט פיבער און פאַרלאַנג — פאַרחלומט — שטום.

ווארום, אָ, גאָט — האָט אַיעדערער זיין פּאָר
און איך, איך טריקן איין פון יאָר צו יאָר!...

8.

יעדער זייטיק־בליקט, יעדער לאַכט פון מיר;
מיט שמאַטעס איז מיין קערפּער איינגעהילט:
ווי אַ הונט, דעם שטיקל ברויט, ניט ווייטער פון דער טיר—
ס׳איז קיין נדבה ניט; יעדער בליק דיך קילט...

די דינסט־מויד שאַרקע אויך
באַליידיקט. מיט אַ שמייכעלע, וואָס—שניידט!
קעגן מיר, אַיעדער פילט זיך הויך—
און אַ יעדער האַלט זיך פון דער ווייט.

און לייבעלע, דער גביר, וואַרפט מיר אויכעט צו,
מיט בייזקייט, ווי כ׳וואָלט געווען, איך ווייס ניט ווער..
און חוה׳לע, זיין פּעטע טאָכטער, ווי די קו —
מען זאָגט, איר צווילינג, ז׳פון איר אייגענעם שווער...

און יעדער גיסט מיט סם, אין בליק, מיט שפּאָט...
און יעדער קרימט מיין טראָט: ווארום, ווארום, מיין גאָט?...

9.

זיסל האָט צרות. זיין פנים, דער בלייכער,
ווערט בייזער און בייזער, פאַרביסן, פאַרשטייפט;
דער רבי מיט כעס, ער שילט און ער שלאָגט זיך —
יעדער אין חדר, מען שפּאָט און מען קייכט.

זעקס פינגער האָסט זיסל, דו זיסעלע ממזר!
איין ייִנגל שטופּט צווייטן. צו טרעפן אים, זיסעלען;
זיסל פאַררוקט זיך, און קאָרטשעט זיך אין דרייען —
פרעמד איז אים טרערן — שוין פולע שיסלען...

ווערט בייז, ווען דער רבי, אויף ווייב, וואָס אים נעגעט,
ס'פעלט איר אַמאָל חלה אויף שבת;
דאַן זיסעלע ווייסט שוין, זיין לייב וועט ער קנייפּן —
שטאַרק קנייפּט דער רבי, מיט אַ ניגון פון קידוש...

נאָר זיסעלע וויינט ניט, ער קרעכצט בלויז: אוי, אוי, אוי!...
ס'איז שוין די אויגן אָן טרערן, ווי אַ מדבר אָן טוי...

10.

און פיל מאָל לעשט שימקע אירע אייגענע פלאַמען,
ווען דער צער פון איר קינד דערגרייכט איר ברוסט,
נעמט זי זיין קעפּל, דריקט אים, ווי אין קלאַמען —
און מוטער־ליבע וועגט איבער יעדע לוסט...

זי קושט זיין ניט־שיינעם פנים, מיט די זעקס דאַרע פינגער
און ער קוקט אויף איר און ס'וואַרעמט זיין האַרץ.
אין דער מאַמעס אָרעמס פאַרגעסט ער די מעסער־צינגער —
מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער זון, הגם אַלץ איז שוואַרץ...

און זי, זיין מאַמע, מיט פאַרמאַכטע אויגן, צום הימל,
האַלט זי איר טרייסט, מיט געבעט איז איר בליק.
און שטיל, ניט קיין וואָרט, אין היפּנאָטישן דרימל,
האַרץ־צו־האַרץ, געפינען זיי גליק.

געטליכע ליבע, רייסט ניט, שטורעמט ניט, מאַמע, קינד:
פלייש פון פלייש; כאַטש וועלט רופט עס זינד!...

11.

זיי שטיל מיין קינד, ניט טראָג קיין האָס אין זיך,
דער סם פון האָס וועט שניידן טיף אַ וואונד;
איך ווייס, איך בין פאַרסמט: פרעגן זאָלסטו מיך—
מיין קינד, מיט שטילן שלום, חבר זיך אַ בונד!

נויט האָט מיך פאַרבלענדט צו האַסן: אפשר גוטס?
גרוי איז אַלץ און אַלץ, וואו ס'צילט מיין בליק;
כ'זע די וועלט, אין פאַלשקייטן איר פוץ—
און איך, איך אַליין, אין בענקשאַפט און אַן גליק.

איך, אַ צעבראָכן האַרץ. איך, באַליידיקט, קליין,
אפשר האָב איך אַ רעכט, פאַר מיין ווי דאָרט טיף;
ניט דו, מיין קינד, ביזט יונג, סם זיך ניט, ניין, ניין!
ס'וועט דיר אפשר ברענגען צו אַ גליקלעך ברעג דיין שיף...

טראָג זיך קינד, שווים קעגן שטראָם, זוך אַ ברעג:—
נאָר געדולט, וועסטו נאָך האָבן מיט בלאָען הימל דיינע טעג.

12.

זיסל טראָגט אין זיין האַרצן פאַרסמטע געפילן,
ס'קימערט ניט, אַרט ניט קיין באַליידיקטע ווערטער.
ער האָט זיך שוין צוגעוואוינט, אַליין מיט זיך שפילן
און וויכט שוין פון אויבנאָניקע ערטער...

און ס'טרעפט זייער אָפט, איינער, אַ צווייטער,
פון די חוצפּהדיקע, פון די רייכערע קינדער,
נעמען צו פון אים דאָס אויסגעוויינטע, דאַרע,
טרוקן מיטאָג־בייגל, מאַטערן אים, ווי וועלף—רינדער...

ווערט זיין בייכל אָנגעשוואָלן פון פאַרדאַרטן מאָגן
און איינעווייניק דרייט און דריקט, אַ מאָדנער הונגער;
נאָר ער מאַכט זיך, ווי ניט זיינס, ניט אַ וואָרט־געזאָגן —
שפּיזלען בליקן, טוט ער זויגן גראָבן פינגער.

ס'האָט די מאַמע אים געלערנט: פאַסיוו אַלץ פאַרטראָגן,
ווייל נאָך דער שוואַרצטער נאַכט, מוז ליכט ברענגען—טאָגן...

.13

און זיסל קעמפט, טיט גוט און שלעכט, אין זיך.
ווען כעס ביילט זיין פויסט מיט ראַכע־לוסט,
קוקט אויף אים זיין מאַמעס בליק און כעס בייט זיך גיך,
אין אויער קלינגט — מיט שלום חברן זיך מוזט!..

קערט ער אָפּ זיין בייזן בליק, אַ ווייכן שמייכל שיינט
און מאַכט צו שפּאַס דאָס מעסער־שניידנדיקע רייד;
טראָגט נאָך צו זיין בענקל צו זיין גרעסטן פיינט —
און בעט פאַרגעבונג און גיט אים אָפּ זיין מיטאָג: פוטער־ברויט.

איבער וועגן פלעגט ער, די פיינטשאַפט־שאַל מיט שלום,
אַזוי האָט אויך דעם רבין איבערצייגן אויף זיין זייט;
דער מאַמעס ווערטער זיינען לעכטיק—טאָג—ניט קיין חלום —
אַזוי, איעדן טאָג געוואונען זיך אַ פריינט.

איז זיסלס בליק מיט גוטסקייט אָנגעפילט געוואָרן
און עפּעס האָט געיערט אין אים, ער איז שוין דרייצן יאָרן!..

14

שימקע קוקט ווי זיסל וואַקסט אין ברייט און לענג;
זיין קאָפּ, אַ קרוין מיט שוואַרצע האָר:
זיין גאַרניטערל איז אויף אים געוואָרן ענג —
פאַר איר, זיין טאַטע, פונקט אַ פּאָר...

טיף, די אויגן, און פאַרטראַכט דער בליק,
נייע וועלטן שווימען פאַר די אויגן;
זיין וויזיע טראָגט אויף אַ הויכן בריק —
מיט פאַרבן, ווי אַ רעגנבויגן.

נייע האָריזאָנטן ציען אים מיט באַנג,
ווי אַ פויגעלע דערפילט די פליגל;
נייע קלאַנגען הערט ער אַ געזאַנג,
אויסגעמישט מיט מאַמעס ניגון ביי זיין וויגל...

אַך, ווי אָסענדיק די טענער אין זכרון
און ווינטער־קאַלט עס ציען זיך די יאָרן...

15.

וועסט מיין קינד אַ גרויסער ווערן,
זאָלסט אַוועקגיין פון דאַ־היי;
פון דיין פאַרגאַנגענהייט ניט קלערן —
ניט געם פאַר דעם די קלענסטע מי...

ס׳איז די וועלט אַ רונדע און אַ גרויסע
און זי דרייט זיך אום געשווינט;
זון פון איין זייט, ערד אַ הייסע,
און פון צווייטן זייט — קעלט און ווינט...

ס׳וועט דאָס לעבן דיך באַגליקן.
זיי נאָר ערלעך, גיי דיין וועג;
זאָלסט די בייז אין זיך דערשטיקן —
וועסט געפינען גליקלעך טעג.

זוך נאָר ניט אין הימלען פליען,
וועסט צום סוף ניט דאַרפן קניען...

16.

ס׳האָבן פון קינדהייט, די קינדער גערייצט אים,
זיין האַרץ האָט געשניטן ווי מעסערן טעמפּ;
דער ווייטיק פאַרקלעמפּט האָט די ליפּן זיין שטים
און פון גאָרניטל געריסן די קנעפּלעך פאַרשעמט.

שווייגנד, פאַרביסן, איז דער ייִנגל געוואָרן,
די אויגן פאַרצויגן, מיט חיה׳שן קוק;
האָס צו איעדן, ווי ער וואָלט געשוואָרן —
אַזוי האָבן פּופּצן יאָרן זיך געגעבן אַ רוק...

די מאַמע פאַרעלטערט, צעקנייטשט איז איר פּנים;
ער האָט זי געהאַסט, אויך רחמנות געהאַט;
ער איז שוין אַ מאַנצביל און האַסט זיינע שונאים —
וואָס האָבן זיין לעבן קיין איין טאָג געזאָט.

נאָר רואיק האָט ער זיך גענומען באַזינען,
אַז אין האַסן די וועלט וועט ער קיין גליק ניט געפינען...

17

אזוי האָט געפלאָכטן זיך אין רינגען די יאָרן
און גאַל האָט געטרונקען זיין עלנטער בליק.
קיין גלויבן אין פריינדשאַפט נאָר טיף האָט געיאָרן,
אַ פאַרלאַנג האָט געמאָנט, אַביסעלע גליק...

נאַטור האָט געשוואָרן: פלאַנץ, מענטש און חיה —
יעדער זאָל זוכן, זיין גלייכן, זיין מין,
אַז, וואָס עס פאַרוויאַנעט זאָל בליען אַ נייע —
אַז שפּינען דעם לעבן — איז פון זיין דאָ — דער זין...

אַזוי איז דער יינגל צום דענקען געקומען,
געלייענט פאַרדענקטע פאַרמוחטע ביכער:
אליין זיך געגריבלט, צו זוכן, דעם אמת גענומען,
אַט אָט, איז די קלאָרקייט, נאָר בלייבט אלץ ניט זיכער.

קוקט ער אין שפּיגל — אין צוקונפט פון לעבן
און פלאָנטערט די פאָדעם פון חלום צו וועבן...

דו ביזט אַליין

אַך, ווי סע דריקט דער אומעט, דאַך, דו ביזט אַליין.
די גאַס איז פרעמד פאַר דיר, ווי מילבן פול אַרום;
ווייבער גראָבע טראָגן פרויען־לייב, אַן אַ ברעקל חן.
אַן אָנגעפּאַרבטע, אָפּגעצערטע מיידל—ווינקט: קום!...

ביים גאַניק פון אַ טענעמענט־הויז, אין אַ צעגליטן הייסן טאָג,
שטייען שאָפּ־מיידלעך, שלינגען אַ ברעקל קילע לופט;
און ס'גייט אַ „פּימפּ” אַרום און שאַצט רווח פון זיין פאַרמאָג —
ער אויך הויבט אַ פינגער, פאַר זיין סחורה רופט!...

ביי אַ פאַרשלאָסן קראָם, אין טונקלקייט, אין וועג פון טיר,
אַ יונג־פּאַרל, נאָך קינדער קוים, דריקן ליפּ צו ליפּ.
ערגעץ פון אַקעגן גאַס, אַ האַרמאָניקע שפּילט אַן אומעטיקן שיר—
און פון אַ פענסטער, אַן עלנט־מיידל לאָזט אַרויס אַ שטילן כליפּ...

1911

לידער פון דעפּרעסיע, אַרבעט און נויט

מיין מאַמע געגלויבט האָט

ס'האָט זיך דער מזל קיינמאָל ניט געשטעלט אויף מיין וועג,
אָסיענדיק, זונלאָז, איז תמיד מיין לעבן, די טעג.
קינאה, מקנא איעדן, וואָס האָט נאָר אַ נעסט.
היימלאָז און זינלאָז, אַזוי אָ, די גאַסן איך מעסט...

מיין מאַמע געגלויבט האָט, אַז רייך וועט איר זון אַמאָל זיין;
זי האָט זיך געשפּיגלט מיט מיר:—ער איז דאָך מיין שטערן, מיין שיין;
ער קאָן דאָך גוט לערנען, ער קאָן דאָך פאַרנעמען אַלץ פלינק —
און פלעגט צו די שכנים, מיט שטאָלץ אין די אויגן, זיי געבן אַ ווינק...

אוי, מאַמע, דיין שטאָלץ וואָלט געפאַלן, ווען דו וואָלסט מיך זען אַצינד.
איך ווער ווי אַ בלעטל אין אָסיען געטריבן, געוואָרפן פון ווינט;
פון מיסטקאַסטן עס איך, שלאָף אונטער הימל דעם פרייען אין גאַס —
און אין האַרץ מיר עס זאַמלט זיך, האַס און נקמה צום הערשנדן קלאַס!...

*
**

נאַכט. אין פאַרק. אויף בענק, און אויסגעשפּרייט אויף גראָז,
שלאָפן היימלאָזע, מיט ליידיקע מאָגנס, פרעמד זיי לאַנג געקעכץ: —
חלומ'ט — איינער אַ בעט אַ ווייסע — ס'פייפט דער פרייד פון נאָז —
אַ צווייטן דרייט אין בויך פון הונגער, וואַרפט זיך מיט אַ קרעכץ...

לאָזט דער טומל זיי ניט שלאָפן, ס'איז אַ גרויסע שטאָט.
אָוטאָס לויפן, פול געפּאַקטע, שיכור'ע, מען לאַכט;
ס'איז אַ פּאַראַלעל פון קלאַסן — איינער צופיל האָט: —
לעבט איצט, רייכע, אונזער בלוט זויגט, ביז מיר קריגן מאַכט!...

1932

פאַר אַ שענערע וועלט
(רעציטאַציע)

שאַרט זיך אַ מיידל, צווישן די היימלאָזע,
פאַרחלומטע אויגן קוקן מיט שרעק;
די אויגן זיי ריידן, עס דוכט ווי זי זאָגט מיר:
בחור, קום נאָענטער, דאָ, זעץ זיך אַוועק.

זיץ איך, באַטראַכט איך איר פּנים דעם בלייכן,
איר שווייגן דערציילט מיר, מער ווי זי רעדט;
אוי, בחור, וואָס קוקסטו, עס ריידן די אויגן,
טו מיך ניט אויסעט, ווי זי וואָלט זיך געבעט...

דערצייל מיר, דו מיידל, איך רייד מיט די אויגן:
וואָס האָט דיך אַהערצו, צו אונז דאָ געבראַכט?
ווערט טרויעריק מיידל, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען;
מיט אויגן פול טרערן האָט זי זיך פאַרטראַכט.

און איך האָב געלייענט פון די אויגן פאַרטראַכטע,
ווי פייער, די ווערטער, וואָלט זיי אויסגעקריצט;
לעז איך, איר לעבן, דער בוך איז מיר אָפן
פון טאָג זייט געבאָרן, ביז דאָ וואו זי זיצט.

***

געבוירן איז זי אין אַ פּוילישער שטעטל.
געלעבט איר גאַנץ לעבן אין דחקות, אין נויט;
זי איז אַ יתומה צו פינף יאָר געוואָרן,
ס'האָט זיי ניט איינמאָל געפעלט דאָן דאָס ברויט...

צו אַכט יאָר איז זי שוין אַ דינסט־מויד געוואָרן,
געשלעפּט אויף די הענטלעך אַ רייכן בייסטרוק,
זי האָט קאָפּיקע צו קאָפּיקע פון חודש געקליבן;
ס'איז ריכטיק? איך פרעג איר, מיט אַ צערטלעכן בליק.

ס'איז ריכטיק! עס פאַלן אירע בליקן אויף מיינע,
די אויגן, איר לעבן, דערציילן אַליין:
צו פופצן יאָר בין איך, דאָ, אין לאַנד אָנגעקומען,
אַן אומשולדיק בלימל און ווי אַ בלימל אויך שיין!...

אַ מומע, אַ רייכע, האָט געבראַכט מיך אין לאַנד דאָ
און גלייך מיך געשיקט צום „אַנקל״ אין שאַפּ;
אַרבעט און אַרבעט און קריג ניט קיין פּעני;
ניט איין מאָל פאַר בעטן געקראָגן אַ קלאַפּ...

סטייטש, שרייט די מומע, געבראַכט דיך אַהערצו
און האַלט דיך אַזוי ווי מיין קינד:
ווי וואַגסטו צו בעטן געהאַלט פאַר דיין אַרבעט?
ס'איז אַ שאַנדע צו הערן, אַ זינד!...

מ'גיט דיר עסן און טרינקען, אַ שוך און אַ קלייד;
דו ביזט אונדזער פלייש, אונדזער בלוט! —
אַזוי זיינען אַוועק טעג, חדשים, אַ יאָר,
ביז כ'האָב זיך פאַרגאַרטלט מיט מוט...

אין שאַפּ, ביי מיין „אַנקל,״ האָט אַ סטרייק אויסגעבראָכן,
האָב איך מיט די סטרייקער געפּיקעט דעם שאַפּ;
איך האָב זיך געשטעלט, קעגן סקעבס, קעגן „גענגסטערס,״
די נעגל אין פּנים, פאַר יעטוועדן קלאַפּ!

צו אַכצן יאָר האָב איך מיין ווערדע פאַרשטאַנען:
איך האָב מיט מיין מומע די וועגן צעשיידט —
איך האָב שוין פאַרשטאַנען, איר קלאַס איז ניט מיינער,
און וויל מער ניט שקלאַפן ביי איר פאַר מיין ברויט.

האָב איך זיך גע'חבר'ט מיט מיין קלאַס, מיט מיין גלייכן,
דורכגעמאַכט סטרייקס און געפּעכט!
און תמיד געקעמפט מיט'ן „אַנקל״ דעם רייכן;
צו לעבן, געניסן מיין רעכט...

***

אַזוי זיינען געלאָפן יאָרן נאָך יאָרן,
דער „שאַפּ״ האָט גענאָגט אין מיין לייב;
עס האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַ היים, אַ געליבטן;
עס האָט זיך פאַרבענקט: זיין אַ ווייב...

געווען בין איך גליקלעך, אַ צייט מיט מיין חבר,
אַ קעמפער, אַ בראַווער, אַ יאַט!
וואו נאָר אַ קאַמף, אין די רייען די ערשטע,
קיין שרעקן, אַ גוטער סאָלדאַט...

אַזוי האָט מיין ליבער, מיין חבר, מיין קעמפער,
אין איינעם אַ רעגן ביינאַכט,
געגאַנגען, פרייוויליק, צו פיקעטן, העלפן,
דאָרט, פאַרלאָרן זיין לעבן אין שלאַכט.

ס'האָט מיך דער קריזיס אַ סך אויסגעמאַטערט,
נאָר האָט ניט צעברעכן געקענט;
און איך האָב מיין כח אין קאַמף דאָס געפונען;
זיך ערלעך דערנערט מיט די הענט...

איך קאָן ניט פאַרגעסן, זיין פנים שטייט אימער,
איך זע זיינע אויגן אין דיין:
צי ווילסטו ניט, בחור, מיט—קלאָרע געדאַנקען—
צי ווילסטו—אַ חבר מיר זיין?

נאָר טו מיר ניט אויסעט, מיט אומריינע בליקן,
כ'פאַרקויף זיך ניט, בחור, פאַר געלט;
צוזאַמען, מיר קענען, זיך ביידע באַגליקן
און קעמפן פאַר אַ שענערע וועלט!...

1933

אַ זעקל מעל אין הענט וואָס זיינען טויט

האָט אויפגעפראַלט אין מיטן נאַכט אַ טיר,
און ווי אַ צונג האָט זיך באַוועגט אַהינטער איר,
ווי אַ שטן זיך געלאָזן אויפן ווייסן שניי.
און די לבנה מאַכט נאָך ליכטיקער די ווייסע גאַס,
פון יעדן שטאַנד שלאָגט אַ שטן טונקל־בלאַס,
ביי יעדן פענסטער שטעלט ער אָפּ זיך, אָט אַזוי!...

ער האָט געלאָזן אַ הינטער פון זיין טיר,
אַ קראַנקע ווייב, מיט קינדער קליינע, פיר,
דער הונגער לאָזט ניט צו דעם שלאָף צו זיי.
האָט ער גענומען זיין גרויסן גוף אין גאַס
און זיינע ציין פאַרקריצט, אַזוי, מיט כעס: —
און ווילד אַרויסגעברומט: איך גיי!...

ווי אַ חיה, וועל איך מיט מיינע פינגער
קריגן שפּייז פאַר מיינע קליינע קינדער,
פון יענע, וועלכע זיינען צופיל זאַט...
און אין פענסטער פון אַ גרויס געשעפט פון שפּייז,
גריזשען רואיק פון אַ קעז, צוויי גרויע מייז,
ווי אַ קינדער־מעשה'לע—אַקוראַט!...

קוקט ער ווי די מייז, זיי עסן זאָרגלאָז שפּייז
און אין פענסטער שטייען זעקלעך מעל און רייז,
צאָרן גראָבן זיינע נעגל און זיין לייב;
שוין פון טעג, דער מאָגן האָט קיין שפּייז געהאַט: —
ווען דען האָבן זיי געגעסן, נאַרהאַפּט, זאַט?
אַט שטייט פאַר אים, די קינדער און זיין ווייב...

און שוין; די פינגער זיינע בלוטיקן אַדורכן שויב,
אַ זעקל מעל, אַ פּעקל רייז, ער לאָזט זיך מיט זיין רויב.—
אין הויז וועט באַלד אַ מאָלצייט זיין, אין הויז וועט זיין אַ פרייד!
נאָר הינטער, הערט ער, טריט נאָך אים: רויבער, רויבער, שטיי!
עס קנאַלט אַ שאָס, אַ קרעכץ. ער פאַלט. אַ רויטקייט פאַרבט די שניי;—
אַ זעקל מעל, אַ פּעקל רייז, אין הענט וואָס זיינען טויט...

אונדזערע הענט

אונדזערע הענט
האָבן דאָ דאָס לאַנד געבויט —
דו, ער, איך.
געבאָרן אין מזרח, אין מערב, אין דרום,
און וואו נאָר די וועלט האָט אַן עק...
וואָס איז דער אונטערשייד,
וואו איך בין געבאָרן,
וואו דו ביזט געבאָרן?
מיר זיינען דאָך בויער, מיר זיינען דאָך פּראַצער—
מיר זיינען די זייער, מיר זיינען די שניטער;
אין פעלדער, אין שאַכטעס,
אין שאָפּ, אין פאַבריקן!

פרעמדע רופט מען אונדז:
אונדז, די אַרבעטער, די בויער פון לעבן—
און יענע — די פוילע, די מאָגנס די פולע:
זיי זיינען קיין פרעמדע,
קיין אונטערשייד וואו זיי זיינען געבאָרן:
אַ קאַפּיטאַליסט איז אַ בירגער פון דער וועלט:
ער האָט פּראָטעקציע פון אייזערנעם קנאַפּל—
וואָס האַלט העגעמאָניע מיט פייער און בלוט...

אונדזערע הענט
האָבן דאָ דאָס לאַנד געבויט!
מיט שווייס און מיט בלוט,
די ערד דאָ פאַרזייט...
געגראָבן די שטיינערנע ערד;
פון איר האַרץ און געדערים,
דאָס גאָלד און זילבער
קוילן און אייזן אַרויסגעגראָבן.
און ער, דער האָבן, דער בורזשוי פון דער וועלט,
האָט פון אונדז דאָס אַלץ געריבט!
„ס'איז זיינס, ס'איז זיינס — די ערד!

„ס'איז זיינס, וואָס מיר עסן;
„ס'איז זיינס, אונדזער פלייש און בלוט;
„מיר מוזן דענקען וואָס ער הייסט,
„מיר מוזן הונגערן — ווייל מיר קענען
נאָך, חלילה, פויל ווערן —
ווי ער אַליין...

אַ שרעק באַפאַלט אים ביים געדאַנק;
„זאָטע קנעכט?...״
ווייזט דעם אייזל פון ווייטן די היי —
וועט ער אין שפּאַן לויפן שנעלער—
לויפן און לויפן, און קריגן אַ פּייג!...

אונדזערע הענט:
בורזשוי, וואָס האָבן פאַר דיר
רייכטום געזאַמלט — ווילן מער ניט!
מיר מאָנען אונדזער חוב, אונדז קומט!...
אַלעמען! אים, דיר, מיר:
געבאָרן דאָ־אָ, אָדער אַנדערשוואו —
אָן קיין אונטערשייד, שוואַרץ, וויס, אָדער געל;
מיר זיינען פלייש און בלוט;
מיר זיינען אַלע שאַפער, פּראַצער—
אונדזער אַרבעט, אונדזער וועלט...

גרינע!
מיר זיינען גרינע, פרעמדע!...
ווען מיר פאַרלאַנגען אַ ביסן ברויט;
ווען מיר ווילן פאַר אייך ניט קנעכטן —
ביז מיר שטעלן זיך אַנטקעגן אייער מאַכט;
איר וועט אונדז ניט אָפּשרעקן מיט שאַרפע געזעצן!...
מיר זיינען שטאַרקער, מעכטיקער פון אייך;
אונדזער קלאַפּ וועט אייך טרעפן אין מוח אַריין! —
מיר שטייען אַקעגן אייך;
ניט קיין גרינע, ניט קיין פרעמדע!
מיר, די שאַפער, די אמתע
בעלי־בתּים פון דער וועלט!...

1934

די שפּין און די בין

(רעציטאַציע)

עס האָט צעקלאָגט זיך די נאַכט.
עס בלאָזט דער ווינט.
דער הימל וויינט:
די שפּין האָט אַ בין אין וועב פאַרוועבט.
עס האָט די בין אַ גאַנצן טאָג געהאָרעוועט,
מיט האָניג פול דעם קערפּער אָנגעפילט.
און פליענדיק אַזוי, צו איר בינשטאָק,
האָט זי זיך אין וועב פון שפּין אַריינגעכאַפּט,
און די שפּין האָט איר אַרומגעוועבט
און איר בלוט אויסגעזויגט.

עס קלאָגט די נאַכט און רופט נאָך הילף,
די האָרעפּאַשנע בין צו רעטן.
איז געקומען דער ווינט, האָט בלאָזן גענומען,
צערייסן דעם וועב און באַפרייען די בין;
נאָר צו שפּעט איז געקומען דער ווינט —
די בין איז געפאַלן בלוטלאָז אַ טויטע —
צעקאָרטשעט, מיט קלעפּיקן וועב צו דער ערד...

האָט די נאַכט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט,
און דער ווינט האָט געבלאָזן מיט צאָרן —
האָט די לבנה פאַרטריבן.
האָט זיך דער הימל פאַרצויגן מיט טרויער,
האָט מיט ביטערע טרערן געוואַשן
דעם בלוטלאָזן טויטן קערפּער פון דער בין.

האָט די שפּין זיך דערשראָקן.
ס'איז ניי איר געווען.
וואָס איז דאָ געשען?
פון אימער זי — זויגט די — בלוט...
פון בינען און פליגן;

וואָס האָט זיך אַזוי די נאַכט צעקלאָגט ?
וואָס רײַסט אַזוי דער ווינט ?
וואָס קלאָגט דער הימל מיט טרערן ?

מיט שרעק האָט די שפּין זיך פאַררוקט
אין שפּאַלט פון אַ בוים,
זיך צוגעהערט און געזען:
דער ווינט האָט אַראָפּגעריסן אַ בלאַט פון אַ בוים
האָט צוגעדעקט דעם טויטן קערפּער פון דער בין
און מיט שטויב פון אויבן באַדעקט.
האָט זיך דער הימל צעוויינט
און מיט די טרערן צוגעקלעפּט
דאָס בלאַט פון דער ערד.
אַזוי איז די לוויה געווען פון דער בין...

פון ווייטן האָט די שפּין זיך
פאַרבאַהאַלטן צעשראָקן.
אויף אַ צווייג פון אַ בוים
האָט אַ שפּאַרבער
מיט זײַנע לאַמטערן־אויגן
זיך אין שרעק געקאָרטשעט...

— — — — — — — — — — —

אַ נײַע וועלט שטייט אויף קעגן זיי,
האָבן בײדע געטראַכט...

די נאַכט, דער ווינט און דער הימל
האָבן מיט וואָרנונג—געשטורעמט:
פאַרשווינדט, בלוטזויגערס, פאַרשווינדט!

רואיק איז געוואָרן די נאַכט.
דער ווינט איז אַוועק.
דער הימל איז קלאָר געוואָרן
און די לבנה האָט ליכטיק
געשײַנט פול מיט שטערן—
און אַ שאָטן האָט אַ מצבה געשטעלט פאַר דער בין...

גרענד סטריט
(רעציטאַציע)

גרענד סטריט, געוועזענע הויפּט־גאַס פון ניו־יאָרק.
דאָ האָט מען דאָס בלוט און שווייס
פאַר גאָלדענע רענדלעך אויסגעטוישט.
זייד און סאַמעט, גאָלד און דימאַנטן,
דאָ האָבן די רייכע זייער פּוץ זיך געקויפט:
שאַלן, געוועבט מיט גאָלד און מיט זילבער;
און הוטן געבראַכט פון פּאַריז —
עקיפּאַזשן, מיט קוטשערס, מיט זילבערנע צוימען,
מיט גלעקלעך — פאַרקלונגען די גאַס,
— דו, הויפּט־גאַס, געוועזענע גרענד סטריט;
עס האָבן דאָ מענטשן ווי פליגן געזשומט;
די פענסטער באַלויכטן, מיט רייכקייט באַפּוצט,
וואָס ס'האָט דאָס אָרימע אויג — ביז טרערן גערירט;
אַזוי פיל קליידער, און אַזוי פיל ניט געקליידטע;
אַזוי פיל עסנוואַרג און אַזוי פיל ניט דערנערטע.
רייכע קומען קויפן, אָרימע קומען אָנקוקן...
אויגן גלאַנצן — פאַר באַגער—
פאַר איינצלנע, אַלץ דערגרייכן איז ניט שווער...
נאָר דער, וואָס אַרבעט, דער האָט ניט, ער!
נאָר די ערד שטייט ניט אויף איין אָרט;
צייטן בייטן זיך, נייע קומען, אַלטע גייען.
ס'גלייכט דער שקלאַף זיין רוקן אויס,
און וואַרפט זיין שווערן יאָך אַראָפּ.

גרענד סטריט, דו ביזט ווי אַ שיינע זונה,
וואָס האָט איר גלאַנץ פאַרלאָרן.
דיינע פאַרערער זוכן יינגערע, שענערע...
בראָדוויי, פינפטע עוועניו, 42־טע גאַס,
וואו עס רוישט מיט הייסן בלוט...
מיט יונגן שמייכל און רופט און מאַניעט —
מיט זייערע זונה־אויגן.
מען צאָלט פאַר יעדן שמייכל, מיט טייערן פּרייז...
יעדער פענסטער לאַכט מיט די שענסטע בגדים;
יעדע שילד, שרייט אויס זיין יחוס!

נאָר ניט געזאָרגט, גרענד סטריט:
אויך די אַנדערע זונות וועלן אַלט ווערן —
אַלט ווערן, פאַר דער צייט. ניט
מיט אַ נאַטירלעכן טויט וועלן זיי פאַרשווינדן,
מען וועט זייער שמינקע און רוזש — מיט
געוואַלד אַראָפּוואַשן...
קיין זונות ניט מער; קיין געהויבענע
זונות ,אינגאַנצן ניט!..

גרענד סטריט, דיין גלאַנץ איז פאַרשוואונדן,
נאָר וואו ניט וואו, אין דיין צעקנייטשטן שטערן,
באַווייזט זיך אַ חנ׳דל פון דיין אַמאָליקן רייץ...
פון דיין פּוסטע גרויסקייט!
אויף שקלאַפישע בלוט און קנאָכן—
גרענד סטריט, ביי דיין זייט אין עלן גאַס,
וואָס האָט דיין שטאָלץ, סימבאָליש דורכגעשטאָכן,
מיט איר אונטערגרונט, מיט איר ווייסן שקלאַפן האַנדל,*)
בליענדע קערפּער האָבן ביי דיין זייט געפוילט —
קרבנות פון דיין אָפּפאַל...
דורך נויט, דורך הונגער, אין די נעגל
פאַר דיין גאָט מאַמאָן!...

עלן גאַס, דער שאַנד־גאַרטל, וואָס האָט
דורך בלוט און טרערן, פון טעכטער און מאַמעס
מיט שאַנד געפּוצט דיך אין לוקסוס;
האָסט טייער באַצאָלט, גרענד סטריט:
טייער וועלן אויך באַצאָלן אַלע דיינע גרויסאַרטיקע
שוועסטער זונות, וואָס לעבן פון
דעם בלוט און שווייס פון די דערשטיקטע,
עלנדע — הונגעריקע מאַסן...

אַ נייע צייט קומט אָן! אַ נייע וועלט!
אַ האַנט, אַ שטאַרקע הויבט זיך!
מיט אַ טויזנט־לייביקע שטימע!

---

*) אין עלן סט. איז לעצטן יאָרהונדערט געווען אַ נעסט
פון ווייסן שקלאַפן האַנדל.

מיט דער גבורה פון אַ ריזיקן מאָנסטער,
וואָס האָט פּלוצים דערוואַכט!
וואָס האָט זיין שונא דערקאַנט.
גרענד סטריט, געפּאַלענע גרענד סטריט.
ס'וועלן אויך פאַלן בראָדוויי, פינפטע עוועניו, 42טע גאַס —
פאַר שרעק, פאַר דעם ריזיקן גיבור,
דעם פּראָלעטאַריאַט!

1928

ווי לאַנג וועט דאָס זיין?

(רעציטאַציע)

פויל, ציט אויס די רייכע דאַמע איר האַנט און זאָגט:
העי, לינדאַ, וואו ביזטו? אַ טרונק ברענג אַריין;
אַך, היינטיקע מיידלעך, האָט זי זיך באַקלאָגט —
נו, גיכער דאָרט, לינדאַ, אַ פלעשל מיט וויין!

אויף אַ זילבערנעם טעצל פינקלט דער וויין,
מיט גלעזלעך צוויי פולע, געשליפן קריסטאַל;
האָט אַ מיידל אַ מידע, געברענגט עס אַריין:
„היר מעדעם, היר מעדעם", מיט שרעק אין איר קול.

העי, העי, מיידל, האָט זיך געבייזערט מאַדאַם:
ביזט ערשט אַ פּאָר טאָג דאָ און שוין אַזוי פויל?
פאַרענטפערט זיך לינדאַ: האָב אַרבעט אַ ים;
קיין צייט ניט צו כאַפּן אַ ביסן אין מויל!...

נאַ, נאַ, מיידל, ניט פרעג, שוין צופיל גערעדט:
שטעל אונטער דעם פוסביינקל, „סקרעם" דיר אין קיך!
און ווייטער זיי פלינקער, ווען עפּעס איך בעט,
איך גלייך ניט קיין ענטפער, רעדסט צופיל פון זיך!...

פאַרשווינדט גלייך די מיידל, פאַרביטערט, פאַרקלעמט,
ווי וואָלט זי איצט וועלן אַ שפּיי טאָן און גיין;
נאָר איצט אין דעם „קריזיס"?—ליידט זי פאַרשעמט:
בין איך דען אַ דינסט־מויד?—זי פרעגט זיך אַליין.

געאַרבעט אין שאַפּ, יאָר איין און יאָר אויס,
צו שפּאָרן געוועזן איז ווייניק און קליין;
אַ טאַטע אַ קראַנקער, נו, שפּייזט זי די הויז,
אין יאָרן אַ מיידל, איז גאָר ניט קיין חן...

דאָך, האָט זי געהאַפּט נאָך, די האַרץ האָט געביינקט:
אַ בחור צו ליבן, אַ מאַן און אַ פריינט;
האָט ווער איר געשמייכלט, האָט זי שוין געדענקט,
אַז אפשר, און אפשר, און אפשר נאָך היינט?!...

איז טאַטע געשטאָרבן און מאַמע איז שוואַך,
איז קריזיס געקומען, קיין אַרבעט ניטאָ!
געבאָרגט און געליען, צו האָבן אַ דאַך—
אַזוי האָט געבראַכט איר, די נויט, אָט־אָ, דאָ!...

*
**

העי, געפעלט אייך אַ חוצפה—נו, צו געזונט!—
עס קלינגען די גלעזלעך אין קריסטאַל־גלאַנץ־העל;
ליגט מאַדאַם אַ צעשפּרייטע... אין דרויסן שוין טאָגט
און לינדאַ פאַרמאַטערט, זי וואַרט אויף באַפעל...

געניסט איינע אַלעס, פון ליבע און ווייך,
און באָדט זיך אין לוקסוס, אין ליכט און אין שיין;
אַ צווייטע, פאַרצווייפלט, פאַרמוטשעט פון פּיין,
דורך נויט און דורך הונגער, ווי לאַנג וועט עס זיין?!...

1932

אַ נאַכט אַ ווייסע...

די נאַכט איז געווען אַ ווייסע,
די שטערן ליכטיק געשיינט.
און גאָלד איז געווען די לבנה,
געזען זי קיינמאָל ניט ווי היינט.

ליכטיק ווי קיינמאָל ניט פריער;
כאָטש שפּיגל אין איר זיך און פּוץ,
ס'האָט אין איר דאָס פּנים געשמייכלט:
פאַרלאַנג וואָס, דו קריגסט אַלדאָסגוטס.

אַזוי האָט געדוכט, ווי ס'זאָגט מיר
דאָס פּנים, וואָס איז אין לבנה,
האָב איך מיר געשלאָסן די אויגן,
פאַרטראַכט זיך, אַזוי מיט קונה:

טאַ גיב מיר אַ האַרץ, אַ ריינע,
חכמה, ווי שלמה האָט געהאַט;
כ'וויל ניט ווי ער, טויזנט ווייבער—
מיט איינער בין איך שוין צו זאַט...

קענען ווי ער, זאָל איך זינגען,
דאָס לשון, ווי ער האָט געקענט;
כ'וויל ניט זיין טראָן און זיין רייכטום—
געלט איז צו שווער מיינע הענט...

אַ דיכטער בין איך, און וויל דיכטן,
איך וואַנדער פאַרחלומט ביינאַכט;
איך עפן די אויגן—נאָר די לבנה
וואָלט זיך פון מיר אויסגעלאַכט.

1911

זינגען רואיק איז מיר שוין ניט באַשערט

איך האָב געזוכט אין מיין גאַנג פון לעבן
אַ וועג, אָן זיגזאַגן—אַ גלייכן—טראָט,
אַז איך זאָל קענען אויף מיין עלטער וועבן—
און מיט שטילע לידער דאַנקען גאָט.

נאָר עפּעס יאָגט נאָך, עפּעס טרייבט אין מיר,
וואָס איז פאַרשלאָסן, יאָרן־לאַנג געווען;
וואָס האָט מיט האַסט אין טיף ווי אַ טיר,
אויפגעפּראַלט, מיט פלאַמען און מיט ברען.

די פלאַמען האָב איך צאַמען ניט געקענט,
די גלייכע וועגן האָבן קעגן זיך געווערט;
און וואו אַ טראָט געשטעלט, וואו זיך נאָר געווענדט —
זינגען, רואיק, לידער, איז מיר שוין ניט באַשערט...

צו אַ פּאָר פּאָעטן . . .

(ווען איך ווידמע דאָס ליד—זיי ווייסן קלאָר זיין ווענען איך מיין)

דורך די שורות זע איך שנאה,
אין די ווערטער, מעסער שאַרפע;
מיין אידעאַל איז אייער קנאה —
עס שפּילט מיט פאַלשקייט,
אייער האַרפע...
ווי פאַרטעמפּט איז אייער דענקען!
איר פאַרזשמורעט אייך די אויגן.
איר ווילט נאָר יענער זאָל אייך שענקען
נאָר פון יענעם נעמען, זויגן...

איר זייט אָנגעפּעלצט מיט פאַלשקייט,
איר טראָגט אַ גאָלדן־קייט פון גדולה;
פאַלש איז אייער קוש און האַלדזקייט—
ווי אַ זונה מאַסקירט זיך פאַר אַ בתולה..

איר מעגט באַריידן און באַשפּייען,
איר צעקוועטשטע „היטקע"־זשאַבעס;
איר שרייבט ברִיוולעך, סם צו קייען—
איך וועל בלייבן ביי מיין שבת!...

די בוינע-וועלט

וואָס זוך איך, אַ נאַרישער מענטש?
וואָס וויל איך אין מדבר געפינען?
אַביסעלע וואַסער, גאָט, מענטש,
פאַר דורשט ניט אַראָפּגיין פון זינען.

שווער איז פון הונגער צו שטאַרבן,
אין מדבר פאַר דורשט איז נאָך שווערער;
אַ מיראַזש, אַ טייך, זעסטו פאַרבן,
אַנשטאָט וואַסער, הייס־זאַמד און ניט מער...

די וועלט איז אַ מדבר, מיין לעבן —
וואָס זוך איך, וואָס וויל איך געפינען?
מיט אמת, דעם ליגן פאַרוועבן —
און פיינטשאַפט, מיט פריינדשאַפט פאַרשפּינען...

וויל אומרעכט, מיט רעכט, אַלץ פאַרגלעטן,
און האַס, מיט אַ שמייכל באַגריסן;
רכילות, פאַרהערן, פאַרשפּעטן —
די בוינע־וועלט, מיט בשמים באַגיסן...

טייערע טעג פון מיין לעבן

עס קריכן צו מיר אין זכרון
לאַנג־שוין פאַרגעסענע יאָרן.
און דויבען און ריען פאַנאַנדער
די קינדערשע יאָרן—מיין וואַנדער:—
די גאַסן, די געסלעך, די שטיבלעך;
פאַרהויקערטע, פאַרזונקענע גריבלעך,
מיט קינדערלעך באָרוועסע, דאַרע—
מיט אויגעלעך גרויסע און שטאַרע.

נאָר זיס איז צו טראַכטן, דערמאָנען:
צי וואָלט איך מיין היים איצט
דערקאָנען?
די גאַסן, די זאַמדיקע, ווייכע,
מיט בוימער בעראָזיווע, הויכע;
מיט סעדער, מיט אַלערליי פרוכטן;
קיין שענערע שטאָט פלעגט מיר דוכטן
פון דאָרט, וואו מיין וויג איז געשטאַנען
איז גאָר אין דער וועלט ניט פאַראַנען.

טייערע טעג פון מיין לעבן,
קינדערשע טרוימען זיך וועבן,
מיט קינדערשע פרייד פאַר די אויגן,
איך האָב דאָס אַלץ איינגעזויגן.
איך טראַג דאָס אַרום, ווי אַ חלום,
עס נאָגט און עס בענקט נאָך דאָס אַלעס;
נאָך דעם ריח פון פלאָדן און חלות—
נאָך שבתדיקע גוטע מאכלים...

דעם יאָך פון מיין טאַטן, מיין מאַמען;
די פרייד, מיט לייד, אַלץ צוזאַמען.
געדריקט און געלאַכט און געשאָלטן,
פאַר דעם, ווי באַשאַפן מיר וואָלטן
געוואָרן. צערייסן זיך שטיקער,
אָבער סוף־כל־סוף דער עיקר—
טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער,
די פרייד פון צוזאַמען דער גרעסטער!..
1911

זוך דעם אמת

„נעם אַ לאַמפ, אין מיטן העלן טאָג, ווי יענער פילאָזאָף,
און זוך דעם אמת“— כאָטש דו וועסט אים נישט געפינען;
נאָר זוכן, פריינט, אַ אידעאַל, פאַרליר זיך ניט — און האָף,
אין זוכן איז דאָס גליק; חלומות שיינע שפינען!...

אין שוואַרצער נאַכט, לייכט אויף אַמאָל אַ שטערן און באַלייכט דיין וועג,
נאָך שווערסטן רעגן, שיינט אויף די זון, גייט אויף מיט לעבן;
נאָך יעדן קריג, נאָך בלוט און לייד, קומען צו אויך שיינע טעג —
ניט יעדער זוכט אומזיסט דיין ברויט, ער זוכט אויך דיר, וואָס געבן!

אין זוכן גליק, אַ ציל, אַ ברעג, מאַכט לעבן ווערט צו לעבן,
צו ווישן חיות, איז אויך פאַראַן אַ שעפעלע צעווישן;
עס איז פאַראַן אַ זייד־געוועב, דאָך ניט פון שפין געוועבן,
ניט יעדן, וואָס דו גיסט אַ בעט, וועט צונעמען דיין קישן...

פרילינג-שטימונג

איך קען אין הויז ניט זיצן,
און קאן אין שטוב ניט זיין.
אין דרויסן שמעקט דער פרילינג,
מיט זון, מיט ווארעמקייט און שיין.

די פויגל ביי מיין פענסטער
זינגען אזוי זיס
און וועקן מיך און רופן—
ארויס, די לופט איז פריש!

פארגעס איצט דיינע זארגן,
פארגעס דיין עלטער איצט;
עס צויבערט דער פרימארגן—
די ערד צעווארעמט, היצט.

מיט בליאונג אלע בוימער,
מיט לעמאן־דופט עס שמעקט;
ציטראנען בליאונג, האניק ריינער,
צום לעבן רופט און וועקט.

אך פרילינג פון מיין לעבן,
איך האב דיך גאר פארזען;
האב א חלום אויסגעוועבן—
וואס איז מיט מיר געשען?..

פארגאנגען איז מיין פרילינג,
אן בלומען, זון און שיין;

פארגאנגען איז מיין יוגנט,
אין זארגן און אין פיין.

האב פון פרילינג נאר געזונגען,
איןווינטער־צייט ווען ס'שנייט—
ווי איצט וואלט מיר געקלונגען;
ווינט און שניי געוויט.

האב איך אזוי געהאוועט,
געהאנדלט און געיאגט.
מיט אטעם־קורץ געזשאוועט—
און צו זיך אליין געזאגט:

קוק זיך אן אין שפיגל,
דיין קאפ, די לאנגע האר:
וואו זיינען זיי פארשוואונדן?
א קאפ א הוילער נאר...

וואו איז דיין פנים־גלאטער?
די ראזע אידל הויט;
צעקנייטשט און אן א פלאטער—
אן אבגעברענטער קנויט..

דאס אויל איז אויסגעזויגן,
דאס קנויט שוין ביים סוף;
פארררייס איך ברייט די אויגן:—
עסווארט דער לאנגער שלאף!..

זעט קיינער ווען איך וויין

„דאס לעבן איז א טעאטער"
און איך בין אן אקטיאר,
שפיל איך ראלען פילע,
יעדן טאג אין יאר.

ווען מיר ווייגען ווילט זיך—
אויף דער בינע—טאנץ און לאך.

מען האלט מיך פאר א קינסטלער,
דער בעסטער אין מיין פאך.

ס'דעקט א מאסקע צו מיין פנים,
וואס הינטער מאסקע פיל איך נאר אליין
איך וויל ניט פרייען מיינע שונאים—
זעט קיינער ווען איך וויין...

1911

ניט קלאָג מיין חבר...

ניט קלאָג זיך, מיין חבר, אַז ביטער איז דיר;
אַז האַס האָט דיין האַרצן געטרונקען;
אַז פאַלש האָט דיין חבר, אַהינטער דיך טיר:
באַשפּאָט דיך מיט גיפטיקע וואונקען...

איך טראָג אויך אַ לאַסט פון דער זעלביקער שאַנד,
וואָס דריקט מיין בוזעם, פון הפקר'שן וואָרט;
יאָ, שאַרפיקע ווערטער ווי טוט שטאַרקער ווי האַנט
און קיהצט מיר מיין אָטעם — קיין רו און קיין אָרט...

ניט קלאָג זיך מיין חבר, די וואָג דריקט אונדזביידן,
ביידע מיר טראָגן דעם האַס און דעם וויי;
דאָס בעסטע אויסמיידן; ניט אַ וואָרט מיט זיי ריידן —
אַקעגן זיי קומען? אויפן צוויטן זייט גיי!...

1910

מיין וויזיע

בער גרינען

בליק איך צוריקוועגס און זע קלאָר די צוקונפט.
די נאַכט מוז פאַרשווינדן, ווען מאָרגן קומט אָן;
נאָך רעגן, נאָך שטורעם, שטראַלט אויף די זון העלער —
צוטרעט מען דעם שקר, זיצט אמת אין טראָן...

איך זע אין מיין וויזיע, אַ וועלט גאָר אַ נייע,
האַס און פאַראַכטונג, דעם מענטש וועט זיין פרעמד;
וואו איינער דעם צווייטן וועט רופן נאָר ברודער —
מיט ליבע באַגריסן זיך, דריקן די הענט...

און גליק וועט נאָר קומען, ווען — רייך — וועט פאַרשווינדן;
ווען אַרבעט, וועט וועגן, דעם אמתן ווערט;
ווען פוילקייט, און מיינע, און שטראָף — העגעמאָניע —
אָן זיי, אַ גן־עדן וועט זיין אויף דער ערד...

1911

אַ תפילה

גיב מיר גאָט, איך בעט,
ניט קיין כבוד, ניט קיין גאָלד.
פון מיין טיף איך רעד—
און וואָס מיין מוח מאָלט.

איך וויל אויגן קלאָרע
און אַ בלאָען הימל
און אַ שטילע נאָרע
פאַר מיין בעט פון דרימל.

גיב מיר גאָט אַ האַרץ
צו פילן און צו ליבן;
ס'איז די וועלט, אוי—שוואַרץ—
פון מיין שטאַם, צוויי פון דריי געבליבן.

גיב מיר גאָט פאַרשטאַנד,
האַסן צו פאַרגעסן;
בענטש מיך, ס'זאָל דיין האַנט —
נקמה־פייער לעשן.

זאָג, ווען וועט נעמען שוין אַ סוף?
ווען וועט רוען מיין געביין?
איך שטאַם פון עם־קשה־עורף—
איך וויל ניט אונטערגיין...

1946

דייטשלאַנד, זיי פאַרפלוכט!

פריילינג אין דייטשלאַנד—זיי פאַרפלוכט!
דיין ערד איז דורכגעווייקט מיט
יידיש־בלוט;
אין יעדער בלום, אין יעדער פרוכט—
אַ יידיש לעבן שרייט אַרויס מיט וואוט.

עס בליט אַ בלום, מיט פאַרבן־פּראַכט,
דיין וואַרצל נערט אַ בתולה־לייב,
וואָס וואָלט מיט עופהלעך איר טראַכט
און וואָלט געווען אַ מאַמע און אַ ווייב.

ווען איך זע עפל רויטע אויף דיין בוים,
דוכט מיר מיידלשע באַקן בליען;
ווען איך קוק אויף דיינע קאַרשן, פלוים,
קינדערשע אויגן מיך טוט ציען.

אין גרינס, איז גראָז, אין קאָרן, ווייץ—
זקנים־מאַרך, עס זאַפט פון זיי;
אַ צאָרן טוט אין מיר אַ פלייץ—
אין לופט אַן עכאָ טוט אַ זיפץ: אוי־ווי..

דייטשלאַנד, דייטשלאַנד, זיי פאַרפלוכט!
גאָט'ס צאָרן זאָל אויף דיר אימער זיין;
אין דיין קאָרן און אין דיין פרוכט—
זאָל גאָט אָפּטאָן פון זון די שיין...

1943

לחיים!

לחיים, איך בין אַ בן־חמישים.
איך בין היינט אַ האַלב־יאָרהונדערט אַלט;
איך האָב צעוואָרפן מיינע יאָרן אויף באַנען און אויף שיפן—
עס בענקט זיך נאָך אַ פריינט, ווען דער ווינטער פאַלט...

לחיים, צוליב וואָס? איך וואַנדער אום אַ מידער;
מיין שטאָם פאַרגייט, מיין שפּראַך פאַרשווינדט.
אויף וויסטן ווינט זינג איך מיינע לידער—
אַן עכאָ פאַר אַן ענטפער—בילן הינט!..

1942

צו מיינע קינדער

איך האָב יאָרן צענדליקע מיט שווערער מי
אויפגעבויט פאַר אייך, קינדער מיינע,
איך האָב אויסגעחלומט אַ מסחר, ווי אַ שטיק פּאָעזיע—
אַ נאָמען ערשטן סאָרט—מיט קרעדיטן פיינע...

איך האָב זיך געלאָזן אין וועלט פון מיין טרוימען,
איך דאַנק גאָט פאַר מיין פאַרחלומט וועלט;
זע פרימאָרגן אין פורפור, פאַרנאַכט די פלאַמיקע רוימען—
און איך האָב ניט דעם ווילן זיך יאָגן נאָך געלט...

איך בויג פאַר אייך, קינדער, היט מיין שם פאַר שפּעטער,
האָב מיין לעצטן ביסן געטראָגן—וועלכע מיר האָבן געטרויט.
אין די יאָרן די שווערע, זייט איר געווען מיינע רעטער—
אויס דער פאַרגאַנגענהייט האָב איך מיין צוקונפט געבויט.

האָב אין מיין לעבן פיל געהאַט און פאַרמאָגט,
האָב אין מיין לעבן פיל אויך פאַרלוירן;
איך האָב אייך אויפגעקלערט, האָב אייך אימער געזאָגט,
אַז איך בוי אייער צוקונפט מיט מיינע טעג און יאָרן...

איך בעט ביי אייך, קינדער, קלאָר היט מיין נאָמען,
און מיט מיין נאָמען קלאָר וועט שיינען אויך אייערס:
אין ערלעכער פּראַצע וועט איר רואיק שלאָפן קאָנען—
אויף מיינע וועגן גייט, וועט איר האָבן שפע פולע שייערס...

גיב מיר גאָט אַן אָרט צו רוען

.1

גיב מיר מזל מיינער, פאַר מיין חורבן, כאָטש איין זוניקן טאָג,
די כמאַרעס באַדעקן מיין הימל, לאַסטן מיך דריקן מיט וואָג...

דער עלנט, ער וויל ניט פאַרלאָזן, שטייט ווי אַ וואָלף און ער בילט,
פאַרגאַנגען דער זומער אָן בלומען, דער הערבסט־ווינט בייזערט און שילט.

זאָג, לעבן, וואָס האָסטו מיר געגעבן, דערנער געלייגט אויף מיין וועג?
פיל יאָרן אַזוי פיל געוואַנדערט, פרעמד מיר פון שבת די טעג...

ניטאָ וואו דעם קאָפּ אָפּצולייגן, שרעק וואו איך שטעל נאָר אַ בעט —
ס׳איז פרעמד מיר אַ מענטשלעכער שמייכל, ס׳איז פרעמד מיר אַ חברשער גלעט!...

.2

גיי איך, גיי איך, ביז ס׳שטעלט זיך מיד מיין טראָט,
ס׳טרייבט דער ווינט מיך, ס׳האָט פאַרלאָזן מיך מיין גאָט.

ניטאָ קיין בוים אין מדבר וויסטן, פאַר מיין רו —
שלאַנגען, היענעס, זיך באַשיצן ניטאָ וואו...

ס׳יאָגט מיין ברודער מיט רציחה — אָן פאַרוואָס:
כ׳האָב זיין פינסטער וועג באַלויכטן, אַך פאַרדראָס!

האָב זיין שטומפּקייט אויסגעשליפן, אויסגעשיינט —
אַך דו עשו, ברודער־מערדער, אייביק פיינט!...

.3

גיב מיר גאָט אַן אָרט צו רוען, איבער מיר אַ דאַך,
זאָל אַ געצעלט זיין, ווי אין מדבר מיך באַוואַך.

אַ ווילדע חיה, מיינע ברידער, האָט פאַרצוקט —
אין העליש פייער, האָט דער גזלן מיך פאַרקוקט.

מיין געביין אַזוי גערעטעט, דורך זיגזאַג געאייל,
זייער שנאה גרייכט אַהערצו, פילע טויזנט מייל;

זייער שנאה שפּרייט מיט פייער, שפּרייט מיט פלאַם —
גאָט באַשיץ מיך פון די שלאַנגען — זייער סם...

סאַקאָ-וואַנזעטי

(שטימונג, אָנגעשריבן אין דער נאַכט פון זייער הינריכטונג)

געפּלאַצט האָט אַן אָדער אין האַרצן ביי מיר היינט,
דאָס בלוט האָט מיט שטורעם געשטופּט צו מיין מוח;
עס האָבן געקראַמפּט זיך די פינגער אין פויסטן —
ווי ווער איך אַ שמשון, ווי קריג איך זיין כוח...

ווי וואָלט איך געוואָלט זיין די גאַנצע נאַטור איצט,
מיט כוח, וואָס ס'קען נאָר אַ קינד זיך איינבילדן;
אַ מעכטיקער ריז וואָלט איך וועלן איצט ווערן
מיט אַ מיסטישע קראַפט, מיך זיך קענען באַשילדן...

אַנטקעגן די ביקסן, אַנטקעגן קאַנאָנען
בין איך דאָך אַ קינד גאָר; אוי ווי מיינע ווייען;
איך בין דאָך ביים זינען, איך ווייס און איך פיל דאָס —
עס הויבט מיר מיין מוח, מיינע פיס קוים וואָס גייען.

צעדריקט וואָלט איך איצטער די ערד גאָר אינגאַנצן
צוזאַמען מיט אירע ענגהאַרציקע ווערים,
און וואָלט מיט די נעגל די שטיינערנע הערצער
פון זיי אויסגעריסן און אויך די געדערים!...

אַן שאַנדע פאַר גאָט און פאַר מענטשן צוזאַמען,
האָט אונדז דאָ באַוויזן היינט די פּלוטאָקראַטיע;
די מאַכט פון רעאַקציע, די מאַכט פון קלוקס־קלען,*
צוזאַמען זיי וועקן צו וועלט־רעוואָלוציע...

עס קלינגט אין די אויערן ביי מיר ווי מיט ווערטער:
דערמאָרדעט האָט טאַטע צוויי שטיפקינדער דיינע,
זיי זיינען דאָך ברידער, כאָטש ניט פון איין מאַמען —
ס'איז וועלט אונדזער מאַמע און ס'לאַנד טאַטע מיינער!...

דיך, טאַטע־לאַנד, ליב איך; דו גיסט מיר מיין נאַרונג,
דו גיסט מיר צוזאַטקייט אַלצדינג אין מיין לעבן;
נאָר דאָס וואָס דו טוסט איצט—דיין טאַט—וועל איך קיינמאָל
ניט קענען פאַרצייען, ניט קענען פאַרגעבן...

---

*) דער קלוקס־קלען האָט אַסך געהאָלפן אין דעם פאַראורטייל.

אַזוי אין דעם טומל דערמאָן איך זיך איצטער,
ווען איך בין געגאַנגען אַ בירגער צו ווערן;
געפרעגט האָט מען מיך: „האָסט געלייענט קאָנסטיטוציע?"
געלייענט און ליב זי — געענטפערט האָב גערן...

איך ליב זי, ווייל זי גיט מיר מענטשלעכע רעכטע,
צו ריידן וואָס כ'וויל נאָר, און פריי אויך צו טראַכטן;
און רייד איך וואָס, דענק איך וואָס — קיינער קען קיינמאָל
מיך צווינגען צו האַלטן מיין מויל אַ פאַרמאַכטן!...

גאָווערנאָר פולער געלאַכט האָט דעם זעלביקן טאָג,
געדעדט צו רעפּאָרטערס, געשפּאַסט, און אַלץ נאָר געלאַכט;
געלאַכט פון דער וועלט, און געלאַכט פון די יעניקע
וואָס האָבן געבעטן אַ שטראַל פון דער נאַכט!...

פאַרפלוכט זאָלסטו ווערן, דו, שטאַט מאַסאַטשוסעטס;
פאַרשטיינערט זאָל ווערן דיין ערד, ווי דיין האַרץ,
קיין שפּראָצונג זאָל וואַקסן, קיין קינד זאָל געבערן,
קיין זון זאָל ניט שיינען, נאָר פינסטער און שוואַרץ...

עס רוישט אין מיין בוזים אַ שטורעם, אַ ווילדער,
איך פרעג און איך הויב מיינע אויגן אַרויף—
צי איז דען אמת, אַז גאָט איז דאָרט אויבן?
זאָל שטאַט מאַסאַטשוסעטס דאַן קריגן סדום'ס סוף...

אַ לעבן אַ קורצן, אַ לעבן אַ שווערן,
עס האָבן געלעבט אָט־דיביידע מאַרטירער;
„גערעכטיקייט"—זי מוז מען האָסן, פאַרגלייכן
מיט פרויען פון גאַס, וואָס זיי יאָגט אַ פאַרפירער...

עס האָט די רעאַקציע פאַרשמירט היינט דעם אמת,
פאַרשטעלט פון דער זון און געצוואונגען צו שטומען;
נאָר סאַקאָ, וואַנזעטי — דאָס בלוט איי'רס וועט וועקן,
עס וועט פלוטאָקראַציע דעם לוין שוין באַקומען...

עס קלאַפּט ווי מיט פויקן, די לופט איז מיט שטורעם;
טראַ, טאַ־טאַ־טאַ, טראַ, טאַ־טאַ־טאַ—און ס'קלאַגן,
עס רופן מאַרטירער צו אונדז, די מיליאָנען —
די בלוטיקע פּאַראַזיטן צו פאַריאָגן!...

זיי זויגן דאָס בלוט און פאַרקנעכטן די מאַסן,
זיי בינדן דעם אמת אין אייזערנע קייטן,
און מאַכן בילבולים אויף ערלעכע פירער,
צו קענען זיי שפּעטער אינגאַנצן שוין טויטן!...

און זאָל זייער שיקזאַל אַ בײַשפּיל אונדז ווײַזן,
פּאַראייניקט אייך אַרבעטער, וואַכט אויף מיט טרײַהייט;
די וועלט, די פאַרקנעכטעטע, וועט דאַן זיך באַפרײַען,
ווען איר וועט אָנצינדן דעם פאַקל פון פרײַהייט!...

אויגוסט, 1928

איך האָף אויף אַ מאָרגן

נעכט אויסגעהאַמערט פון שוואַרצן טשוגון,
אָן אַ שטערן, אָן אַ שײַן;
טעג נאָר מיט וואָלקן, קיין שטראַל פון דער זון—
עלנט, איינזאַם און פּיין.

קיין פרײַנט איז מײַן ווײַב מיר,
קיין פרײַנט איז מײַן חבר;
מײַן פרײַנט און מײַן חבר: מײַן ליד אויף פּאַפּיר—
די וועלט איז אַ שפּיז מיר— מיט זשאַווער...

אין וואַנדער־וועג האָב איך נאָר פאַלשקייט געשניטן,
כאָטש איך האָב נאָר גערעכטיקייט געפלאַנצט;
עס האָבן שונאים מײַן זריעה פאַרביטן—
מיט ציניש געלעכטער מיר אַקעגן געטאַנצט...

נעכט אויסגעהאַמערט פון שוואַרצן טשוגון,
וואָס לאָזן קיין שטערן־שטראַל צו;
נאָר איך האָף אויף אַ מאָרגן, ס'וועט אויפגיין די זון—
מיט ליכט און מיט וואַרימקייט— רו!..

1920

וואָרום?

איך האָב אימער דעם געפאַלענעם געהויבן,
דעם באַשיידענעם געגעבן מוט;
דעם פאַרשטויסענעם — געהויבן;
דעם דערשלאָגענעם — אַז ס'וועט אים זיין נאָך גוט!...

נאָר מיר געריסן האָט אַ יעדערער אין פאַסן,
קיין פריינט, מיט אמת, האָט מיך ניט געריסמט:
פיינט געהאָט אין הויז — פיינט אויך אין די גאַסן —
פון מיין קלוגסטן וואָרט האָט מען זיך געקרימט...

באַליידיקטע: אַ יעדן האָב פאַרטיידיקט —
שונאים זיך פאַרשאַפט — שונאים פילע;
מיין שכר געוועזן איז, בושה און באַליידיקט —
וואָרום, וואָרום־זשע גאָט? — ענטפער אויף מיין תפילה!...

דאָס שטיל געוועב פון ליד...

צאַרט, ווי אַ וואַסער־בלום, איז דאָס שטיל געוועב פון ליד;
ווי דאָס טראָט פון אַ קליין קינד, וואָס שטעלט די ערשטע טריט;
ווי דאָס דינסטע שלאָף־אָטעם פון אַ זאָרגלאָז קינד;
ווי דער ריח־אויפבלי, ווען אַ ציטראָן־בוים צובליט...

אַזוי איז מיין אידעאַל צו נאָכגיין, נאָכגיין ביז מיין ציל
וועט זיך אַדורכפאָדעמען, דורך דערנער אין מיין וועג.
און וועל געניסן פאַר מיין מי, פון ריינעם קלאָרן וואַסער־קיל
און וייטער זינגען פון שיינע אויסגעחלומטע טעג...

2.

אין דעם טרוים פון מיין לעבן,
זוך איך טרייסט פון וואָרט אין גראַם;
ווערטער שלייפן, ווערטער וועבן—
מיט זיי קילן מיין שטורם־פלאַם...

ווערטער, אותיות, פינטלען פאַר די אויגן
ווי שטערן אין אַ פינסטער־נאַכט.
און דער טרויער ווערט פאַרצויגן—
אין דעם נואַנס פון דיכטונגס־פראַכט.

אינהאַלט

פאַרשידענעס

במקום הקדמה 3
באַפרייען דאָס גליק צו מיין וועג . 5
מיין זון 6
מיין אייניקל 7
אַ תפילה 7
צו מאָדעלירן — דערוואַכט . . . 8
אַ טרוים 9
פון יענע יאָרן 10
געבליבן איז נאָר אַש 15

סאָנעטן

9 סאָנעטן 16-20
פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט . . 21
מנחם באַריישאַ 23
ה. לייוויק 24
פרץ הירשביין 24
לעאָן מ. ראַגאָן 25
אַברהם רייזען 26
הירש גאָלדאַווסקי 27
אין שפיגל 28
גאָך מיין ערשטער ליבע 29
בועז און רות 30
העכערס וואָס רעגירט 31
בטחון 31
די מיקראָב 32
אַ פריינט, פאַרשטיי מיך . . . 32
אומזיסט זיך שטעלן אַקעגן . . . 33
נאָך יענע טעג 34
אין שלאָפלאָזע נעכט 35
זכרונות פון מיין יוגנט 36
האָמליע, מיין היים 39
וואָס איז לעבן 39
פאָגראָם רומעניע 40
אַראַבער, מיר קומען ווי ברידער . 41
טענות צו גאָט 42
אַ האַלבן יאָרהונדערט 43
צו דער וועלט 44
נאַכט מאָטיוון 45
ר' וועלוועלע מלמד 46
פרידן 1945 47
שבת, 29טן נאָוועמבער, 1947 . 48
ווען איך נעם די פען אין האַנט . 49
מיינע טרוימען 49
אַ בריוו פון סאָוועטן 50
איך—דער נאַכטיגאַל 50
איך הער אַ שטימע 51
גערעכטיקייט 51
נאַצי גראַבט צוויי גריבער . . . 52
ווי קען איך זינגען 52
וואָלט גאָט ניט צעטיילט . . . 53
עמיץ היט די וועלט 53
שפרינגט אַ קליין נשמהלע . . . 54
אין דעםווינט 54
יידישע טאָכטער אין דייטשלאַנד . 55
זוך איך קלאַנגען 55
עפּעס האָט אין האַרץ... . . . 56
אַ צעריסענע נשמה 56
פשוטע ווערטער 57
וויל—ווערסט באַזיצן 57
אַ ליכטיקער מאָרגן זיך וועבט . . 58
לידיק ווערט אונדזער וואַלד . . . 58
קאַליפאָרניע 59
אין יוגנט נאָר גליק 59
אצבע אלהים 60
דריי לידער 61
דער ממזר (קייט פון 17 סאָנעטן) 62-70
דו ביזט אַליין 70

לידער פון דעפּרעסיע,
אַרבעט און נויט

מיין מאַמע געגלויבט האָט . . . 71
פאַר אַ שענערע וועלט 72
אַ זעקל מעל 74
אונדזערע הענט 76
די שפּין און די בין 78
גרענד סטריט 80
ווי לאַנג וועט דאָס זיין 82

אַ נאַכט אַ ווייסע 84
זינגען רואיק 84
צו אַ פּאַר פּאָעטן 85
די בוינע־וועלט 85
טייערע טעג פון לעבן 86
זוך דעם אמת 86
פרילינג־שטימונג 87
זעט קיינער ווען איך וויין . . . 87
ניט קלאָג מיין חבר 88
מיין וויזיע 88
אַ תפילה 89
דייטשלאַנד—פאַרפלוכט 89
לחיים! 90
צו מיינע קינדער 90
גיב מיר גאָט 91
סאַקאָ־וואַנזעטי 92
איך האָף אויף אַ מאָרגן . . . 94
ווארום 95
דאָס שטיל געוועב פון ליד . . . 96